װאָכענבלאַט אידיש

№ 39

פרייז 20 גראָשן. „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאָכאָווער צייטונג

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 281. [partly illegible]

Piątek 24 września 1937

5.17 ליכט-צינדען

פרייטאג ג' דחוה"מ סכות י"ט תשרי תרצ"ח

XI Walne Zgromadzenie Banku Spółdz. Przemysłowców i Kupców z ogr. odp. w Częstochowie ul. Panny Marji 22, gmach własny, odbędzie się dnia 10 października 1937 o g. 16 w lokalu Stow. Przemysłowców i Kupców Aleja Wolności 3/5

PORZĄDEK OBRAD:

1) Zagajenie Zgromadzenia i wybór przewodniczącego.
2) Odczytanie protokułu poprzedniego Walnego Zgromadzenia.
3) a) Sprawozdanie Zarządu za 1936 rok, b) Sprawozdanie Rady Nadzorczej za 1936 rok c) Odczytanie bilansu, oraz rachunku strat i zysków za 1936 rok d) Odczytanie protokułu Zw. Żyd. Spółdzielni w Polsce
4) Przyjęcie bilansu i udzielenie absolutorjum Zarządowi i Radzie Nadzorczej.
5) Podział zysków za 1936 rok.
6) Budżet na 1937 rok.
7) Zmiana statutu Banku.
8) Uchwalenie najwyższej sumy zobowiązań, jakie Spółdzielnia może zaciągnąć.
9) Oznaczenie granic najwyższego kredytu, jaki może być udzielony jednemu członkowi.
10) Wybory: a) I członka Zarządu i 3-ch zastępców zamiast ustępujących. b) 4-ch członków Rady Nadzorczej i 3-ch zastępców zamiast 3-ch ustępujących i zmarłego b. p. Anszla Warszawskiego. Ustępują: z Zarządu: p. Stanisław Prusicki z Rady Nadzorczej: pp. D. Borzykowski, Dr. Bolesław Helman i Dyr. R. Markowicz.

UWAGA: Członkowie ustępujący mogą być wybrani ponownie

די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון דער קאָאָפּ. סוחרים און פאַבריקאַנטען-באַנק מיט בעגר. פער. אין טשענסטאָכאָוו קומט פאָר דעם 10 אָקטאָבער 1937 י. 4 נאָכמיטאָג אין לאָקאַל פון סוחרים און פאַבריקאַנטען-פעראיין אַלעע וואָל-נאָשטשי 3-5

טאָג-אָרדנונג:

1) ערעפנונג און וואהל פון אַ פּאָרזיצענדען.
2) פאָרלעזען דעם פּראָטאָקאָל פון דער פאָריגער אַלגעמיינער פערזאַמלונג.
3) א. בעריכט פון דער פערוואַלטונג פאַר'ן יאהר 1936, ב. בעריכט פון אויפזיכטס-ראַט פאַר'ן יאהר 1936, ג. פאָרלעזען דעם בילאַנס און רעכנונג פון היזקותאון ריווח פאַר'ן יאהר 1936, ד. פאָרלעזען דעם פּראָטאָקאָל פון פערבאַנד פון יודישע קאָאָפּעראַטיוון אין פּוילען.
4) אָננעמען דעם בילאַנס און ערטיילען אַבסאָלוטאָריום דער פערוואַלטונג און אויפזיכטס-ראַט.
5) דאס צוטיילען דעם ריווח אויפ'ן יאהר 1936.
6) בודזשעט אויפ'ן יאהר 1937.
7) ענדערן דעם סטאַטוט פון דער באַנק.
8) בעשטימען די העכסטע פערפליכטונגס-סומע, וואס די באַנק קען אויף זיך נעמען.
9) בעשטימען די גרעניצען פון העכסטען קרעדיט, וואס קען ערטיילט ווערען א מיטגליד
10) וואהלען: א. פון 1 פערוואַלטונגס-מיטגליד און 3 פערטרעטער אויפ'ן אָרט פון די אָבטרעטענדע, ב. 4 מיטגלידער פון ראַט און 3 פערטרעטער אנשטאט די אָבטרעטענדע און דעם פערשטאָרבענעם אנשל ווארשאווסקי נ"ע, ס'טרעטען אָב פון דער פערוואַלטונג: ה' סטאַניסלאַוו פּרושיצקי, פון אויפזיכטס-ראַט: ה"ה ד. באָזשיקאָווסקי, דר. באָלעסלאַוו העלמאַן און דיר. ר. מאַרקאָוויטש. די אָבטרעטענדע מיטגלידער קענען אויפסניי געוועהלט ווערען.

א הערצליכען מזל-טוב צו דער חתונה פון פרל. פאָלאַ גאָטיינער מיט ה' יעקב ראָטשילד דער פרוי גאָטיינער פיעל נחת ווינשט שמעון באָטשאַן און פרוי.

Z intencji zaślubin p. POLI GOTAJNER z p. JAKUBEM ROTSZYLDEM życzy wiele szczęścia JAKUB LANGNER

צו דער חתונה פון אונזער פריינד יעקב ראָטשילד מיט פרל. פאָלאַ גאָטיינער ווינשען א הארציגען מזל-טוב און א גליקליך צוזאַמענלעבען ישעיהו יעלין און פרוי

צו דער חתונה פון פרל. פאָלאַ גאָטיינער מיט ה' יעקב ראָטשילד שיקט די בעסטע וואונשען פון א גליקליך און צופרידען צוזאַמענלעבען. פאַמיליע ב. באָטשאַן

אנשטאָט 8 טעלעגראַם—5 קילאָ ברויט פאַר „תומכי עניים".

אַלערז-יונגעל ווערט געזוכט אין בערשטען-פאַבריק ביי שיליט, נייער מאַרק 13.

PODZIĘKOWANIE

Sz. P. D-rowi J. Dobrzyńskiemu za przeprowadzenie bardzo ciężkiej operacji oraz całemu personelowi Szpitala Żydowskiego na Zawodziu za troskliwą opiekę podczas mej choroby składam tą drogą serdeczne podziękowanie.

Natan Złotnik.

7 KL. SZKOŁA POWSZECHNA z prawami państwowymi

Mag. T. WAJNBERŻANKI, I-a Aleja № 8.

די שול-קאַנצעלאַריע נעמט אָן איינשרייבונגען פון נייע שילער אין אַלע קלאַסען יעדען טאָג פון 8 ביז 12 פאַרמיטאָג.

די שול-לייטונג בעט ווי אמפריהסטען צו פערשרייבען די קינדער אום צו קאָנען פיהרען דעם שול-פּראָגראַם נאָרמאַל. ווי בעוואוסט איז דאס די איינאָרגאַניזירטע רעליגיעזע מוסטער-שולע מיט אַלע רעגירונגס-רעכט אויפ'ן היגען פּלאַץ.

אין דער שולע איז אויך פערהאַן א נאָכמיטאָג-קורס פון העברעאיש, תנ"ך, יודישע היסטאָריע פאַר שילער פון אנדערע שולען.

טעאַטער „מכבי"—אַ פרעהליכער יום-טוב! נאָר 7 אויפטריטען פון די פּאָפּולערסטע ווארש. יוד. אַרטיסטען וו. י. פ. ט.

שבת ד. 25 4 נאָכמיטאָג און 9 אָוועבד	גרויסער ווארשאווער שלאַגער! פּרעמיערע! סענסאַציע! לעבעדיגע יתומים אין 3 אַקטען פון זלאַטאָרעווסקי.
זונטאָג דעם 26 ד. ח. 9 אָוועבד	פּרעמיערע! צום ערשטען מאָל! די גרויסע ליעבע אין 3 אַקטען מיט געזאַנג פון קאַברין.
מאָנטאָג ד. 27 טען ד. ח. 4 נאָכמ.	פרוי, מענש און טייוועל אין 3 אַקטען מיט געזאַנג פון סיגאַל.
מאָנטאָג 27 ד. ח. 9 אוו. דינסטאָג 28 ד. ח. 4 נכמ.	פּרעמיערע! סענסאַציע! עמאָציע! שפּאַנענד! פערקויפטע נשמות אין 3 אַקטען מיט געזאַנג פון שענער.
דינסטאָג ד. 28 ד. ח. 9 אָוועבד	פּרעמיערע! שלאָגער! לעצטע פּאָרשטעלונג! פּראָווינצער מיידל קאָמישע אָפּערעטע אין 3 אַקטען מיט געזאַנג פון סיגאַל.

אין אַלע פּאָרשטעלונגען בעטייליגען זיך: ש. הערשקאָוויטש, הערש באַלבירסקי, חנה ביאַלקאָוויטש, ישראל ביאַלקאָוויטש, דוד האַמבורגער, מאַלי ליודנער, רבקה נערה, יוליוס ראַקאָוו, רייקע בעזמאַן, חנה ראָזענצווייג א.א. בייטאָג-פּאָרשטעלונגען צו ביליגע פּרייזען פון 54 גר.

בילעטען-פּאָרפערקויף אין דרוק. פון ה' באָטשאַן, שבת און יום-טוב פון 10 פריה — אין קאַסע.

Dr. JERZY DOBRZYŃSKI
choroby chirurgiczne
powrócił
i przyjmuje w godz. do 10-ej i od 4—7.
ALEJA 23.

Lekarz-Dentysta
Henryk Lejzerowicz
przeprowadził się
na ul. Aleja 32 m. 3
telef. 17-57.

Lekarz-Dentysta
EDWARDA KRAUSKOPF
powróciła
ALEJA 11 m. 1.

SZKOŁA TAŃCÓW
baletm. Kosteckiego
w lokalu własnym
ul. Waszyngtona № 6.
Wyucza ostatnie nowości — kongresu — paryża 1937/1938 roku w kompletach — pojedynczo.
Zgłoszenia codziennie od 10—21 w.
אכטונג: יעדען שבת פּראַקטישע לעקציע
דינסטאָג, ד. 28 פּראַקטישע יום-טוב-לעקציע
פאַר יודישער געזעלשאַפט.
אנהויב 8 אָוונד. — ערשטקלאַסיגע מוזיק.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2.
צום פריהלינג-סעזאָן
מיר נעמען אָן צו וואשען קראַגענס מיט לאַנג - דויערענדע שפּיגעל-גלאַנץ ווי אויך העמדער צו ריינעגען און צו פאַרבען אַלערהאַנט קליידונג. גאַרדינען צו וואשען און צו שפּאַנען.
ספּעציאַליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס
2) דעסאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואשען).
אכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן אָרט
אַלץ צו ביליגע פּרייזען.

WORLD-RADIO
świat w domu...

Posiadamy na składzie najnowsze modele odbiorników krajowych i zagranicznych.

Od popularnej dwójki — do luksusowej superheterodyny z oscylograficznym wskaźnikiem.

Od taniej jednoobwodówki do wykwintnego siedmioobwodowego z zaworem przeciwinterferencyjnym.

Każdy miłośnik radia znajdzie coś dla siebie.

Prowadzimy demonstrację i sprzedaż następujących odbiorników:

World - Radio
Mazur
Polonez

Kosmos
Pionier (super popularny)
Matador (super luksusowy)
Meteor

Telefunken
Fenemen
Symphonic
Stradivari (z mag. okiem)
De Luxe (z lustrzaną skalą)

Capello (Ingelen - Wiedeń)
Serja superów luksusowych
Capri (z magicznym okiem)
Milano (ze skalą geograf.)
Roma (wmontowany radiogram)

Philips
Typ 109
Super 4-38
„ 6-38
„ 7-38 (z monosterem)
„ 8-38 (z monosterem)

Radio-Union (Orion-Budapeszt)
Union 3
Union 7
Union-Lux

Elektrit
Patria
Tempo
Maestro
Opera

Hornyphon (Wiedeń)
Lord—38
Olympic—38

Zakłady Radiotechniczne
WORLD-RADIO
Inż. Br. Fliegelman i S-ka
Spółka Komandytowa
Aleja 24 w podwórzu,
tel. 25-75.

אַלע ווייסען, אז אין דער גוט-בעקאַנטער פירמע
M. Stawski, Aleja 12
ווערען אויסגעפערטיגט די שענסטע מענטעל און קאָסטיומען גוט און ביליג
דעריבער בעזוכט דאס יעצט-פערגרעסערטע געשעפט.
אויך'ס לאַגער די לעצטע נייהייטען.

Skład sukna i kortów
„SUKNOPOL"
Częstochowa, Aleja 35.
poleca na sezon jesienno zimowy nowości sezonowe z materjałów damskich i męskich z najwykwintniejszych fabryk bielskich i tomaszowskich po b. niskich cenach.

כוס מלא תנחומים הננו מגישים לכבוד משפחת מחותננו במות עליהם אביהם וזקנם האיש הישר והחסיד ונדיב לב
ר' יוסף דזובס ז"ל
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
נח ערעליסט ומשפחתו.

די שטרענגע פעראָרדנונג.

דער וואָיעוואָדע פון דער שטאדט ווארשא ה׳ יאראָשעוויטש האט אונטערגעשריבען א פעראָרדנונג, וועלכע זאגט: „שולדיגע אין ארויסטרעטען געגען דער עפענטליכער זיכערקייט, שולדיגע אין פערניכטען פרעמד אייגענטום, שלאָגען פערבייגעהער, אָרגאַניזירען זיך אין באַנדעס, כּדי אויסצופיהרען די דערמאָהנטע פערברעכענס— וועלען צוגעצויגען ווערען צו שטראָפליכער פעראַנטוואָרטליכקייט לויט די אַרטיקלען פון שטראָף-קאָדעקס, וואס זעהט פאָר א שטראָף פון 1 ביז 10 יאהר תּפיסה".

די דאָזיגע שטרענגע פעראָרדנונג איז א רעזולטאַט פון דער אַנאַרכיע און הפקרות, וואס האט לעצטענס ארומגעכאַפּט די הויפּט-שטאדט פון פוילען; מען האט געבראָכען שויבען, געמאכט אַנפאַלען אויף רוהיגע יודישע בירגער, זיי גע׳ממית׳ט און טאג-טעגליך איז געשטערט געוואָרען אויף א שרעקליכען אופן די עפענטליכע רוה.

ווי אזוי די דאָזיגע שטרענגע פעראָרדנונג וועט ווירקען אויף די שוין-אַנאַרכיזירטע געמיטער פון די דאָזיגע צעווילדעוועטע באַנדעס וועט בעווייזען די נאָהנטסטע צוקונפט. זאָל מען האָפען, אז די דאָזיגע פעראָרדנונג וועט מיטווירקען, און די צעיושעטע באַנדעס וועלען אָבשטעלען אָדער לכל הפחות אַביסעל איינהאַלטען זייערע אַפּעטיטען. אונז געהט אָבער אין אַנ׳אַנדערע פראַגע: צי וועט די פעראָרדנונג, וואס איז ארויסגעגעבען אין ווארשאַ חל זיין אויך אויף דער פראָווינץ—צי וועט די דאָזיגע פעראָרדנונג צווינגען די ווילדע כוליגאַנעס אויף דער פראָווינץ אָבצושטעלען זייער פערדארבונגס-ארבייט? און זאָל מען זאגען אָפען, אז דאס, וואס ס׳קומט פאָר אויף דער פראָווינץ און איבערהויפּט אין אונזער שטאדט טשענסטאכאוו געהט שוין איבער יעדע גרעניץ. טאג-טעגליך ווערען יודען בלוטיג צושלאָגען, אזוי, אז, אדורכגעהן די גאס איז פערבינדען מיט לעבענס-געפאַהר, און דאס ערגסטע איז, וואס די באַנדיטען טהוען זייער העסליכע ארבייט אין מיטען טאג און ווערען נישט דורך קיינעם בעשטראָפט. דאס גיט זיי ווי געוועגליך מוט ווייטער און וואס אמאָל אַלץ מעהר צו צולאָזען זייערע ווילדע חיה׳שע אינסטינקטען אויף יודישע קעפ; מען האַקט אויס שוי-פענסטער אין יודישע געשעפטען און מען טהוט אָב מעשים רעים אשר לא יעשו.

די דאָזיגע ווילדע מעשים טעראָריזירען נישט נאָר בלויז די יודישע בעפעלקערונג. נאר ברענגען אויך אריין א תהו ובהו אין גאנצען עפענטליכען לעבען פון דער שטאדט. צי קאָנען מיר פראָווינצער יודען, וועלכע נעפונען זיך אונטער א כסדר׳דיגען טעראָר פערלאַנגען, אז אויך אויף דער גאַנצער פוילישער פראווינץ זאלען ארויסגעגעבען ווערען אזעלכע שטרענגע פעראָרדנונגען?

ש. פ.

עהרען-בירגערשאַפט פאַר׳ן מאַרשאַל רידז-שמיגלי.

די שטאָדט-פערוואלטונג וועט אויף דער נאָהנטסטער זיצונג, וואס וועט וואַרשיינליך פארקומען אין די ערשטע טעג פון חודש פּאַזשדזיערניק, אריינטראָגען א פאָרשלאַג וועגען בעשענקען מיט עהרען-בירגערשאפט פון דער שטאָדט טשענסטאָכאָוו דעם מאַרשאַל עדוואַרד רידז-שמיגלי. דער דאזיגער פאָרשלאַג האט שוין געזאָלט פיגורירען אויפ׳ן טאָג ארדנונג פון דער פריהערדיגער זיצונג, נור ער איז צוליב פערשידענע טעמים געוואָרען אָבגעלעגט.

קורצע ידיעות פון דער וואָך.

— דאס אַפּעלאַציע-געריכט אין ווארשא האט בעטראַכט דעם פּראָצעס פון יודל כאָסקעלעוויטש, דעם מערדער פון וואכמייסטער בויאַק אין מינסק מאַזאָוויעצק. כאָסקעלעוויטש׳ן, וועלכער איז אין דער ערשטער אינסטאַנץ פערמשפּט געוואָרען צום טויט, איז דער אורטייל געמילדערט געוואָרען אויף אייביגער תּפיסה. עס איז כּדאי צו בעמערקען, אז אין די מאָטיוען פון אורטייל ווערט כאָסקעלעוויטש׳ס טהאַט בעטראַכט אַלס אינדיווידועלע, אזוי, אַז עס פאַלט אָב די טענה פון קאָלעקטיווער פעראַנטוואָרטליכקייט, וועלכע האט זיך געפינען אין די מאָטיוען פון דער ערשטער אינסטאַנץ. געגען דעם דאָזיגען אורטייל איז אריינגעטראגען געוואָרען א קאַסאַציע, סיי מצד די פערטיידיגער, סיי מצד דעם פּראָקוראָר, וועלכער פאָדערט ווייטער טויט-שטראָף.

— אין ווילנא איז נאך א לענגערער קראַנקהייט געשטאָרבען דער בעוואוסטער יודישער פערלעגער באָריס קלעצקין, גרינדער און אַרויסגעבער פון א גאַנצער רייהע ערנסטע יודישע צייטשריפטען.

— אין צוזאַמענהאַנג מיט די אונאויפהערליכע כוליגאַנישע אַנפאַלען אויף יודען אין ווארשא, וועלכע האבען אָנגענומען פשוט א מאַסען כאַראַקטער און בעדראָהען די עפענטליכע זיכערקייט אין דער הויפּט-שטאָדט, איז ערשינען א פעראָרדנונג פון וואָיעוואָדע יאראָשעוויטש, וועלכע זעהט פאָר פאר די שולדיגע אין ארויסטרעטען געגען דער עפענטליכער זיכערקייט; שולדיגע אין פערניכטען פרעמד אייגענטום, שלאגען פערבייגעהער, אָרגאַניזירען זיך אין באַנדעס, כּדי אויסצופיהרען די דערמאנטע פערברעכענס — א שטראָף פון 1 ביז 10 יאהר תּפיסה. גלייכצייטיג איז אויך פערבאָטען געוואָרען די קאָלפּאָרטערען פון די אַנטיסעמיטישע צייטונגען צו מאַכען יודענהעצערישע אויסרופען, וואס רופען אַרויס א מהומה אויף דער גאַס.

— אין ביעלסק איז געקומען צו אַנטי-יודישע געשעהענישען צוליעב א שרעקליכען פאָרפאַל, וואס איז פאָרגעקומען אין רעסטאָראַן פון יוד נאכמאַן, וועלכער האט בעת א סכסוך מיט א קריסטליכען גאַסט דעם לעצטען דערשאָסען צום טויט. די געשעהענישען האבען זיך פערשפּרייט אויך אין שטעדטיל ביאַלאַ ביי ביעלסק. אין ביידע שטעדט זענען אויסגעהאַקט געוואָרען די שויבען אין כמעט אַלע יודישע געשעפטען, פיעל געוועלבער זענען דעמאלירט געוואָרען. א דאַנק דער ענערגישער האַלטונג פון דער פּאָליציי, וועלכע האט בעקומען פערשטאַרקונגען פון קאַטאָוויץ און קראקא, זענען אויכגעמיטען געוואָרען ווייטערדיגע עקסצעסען. א געוויסע צאהל כוליגאַנעס איז פעראַהאַלטען געוואָרען.

— אין הסכּם מיט׳ן בעשלוס פון מיניסטאָרען-ראַט אַרבייט-אויס דאס יוסטיץ-מיניסטעריום א פּראָיעקט פון א נאָוועלע צום געזעץ וועגען לאָקאַטאָרען-שוץ. לויט דער דאָזיגער נאָוועלע וועט דער לאָקאַטאָרען-שוץ שטופּענווייז אָבגעשאַפט ווערען. די נאָוועלע וועט נאך בעטראַכט ווערען דורכ׳ן סיים און ס׳איז מעגליך, אז די מערהייט פון סיים וועט דעם פּראָיעקט אָבוואַרפען אָדער ענדערן.

— אין הסכּם מיט׳ן ניאָנער אָבמאַך וועגען שוץ פאַר די האַנדעלס-שיפען אויפ׳ן מיטעללענדישען ים ווי אויך וועגען אָבשאַפען די קאָנטראָל ביי די שפּאַנישע ברעגען, איז דער ענגלישער קריעגס-פלאָט אויפ׳ן מיטעללענדישען ים געוואָרען פערגרעסערט, אזוי, אז פון איצט-אָן וועלען 52 ענגלישע קאָנטרטאָרפּעדאָ-שיפען פּאַטרולירען, כּדי צו

קהלה-פרעזעס ראָזענבערג זיך צוריקגעקעהרט פון אויסלאַנד.

געכטען האט דער קהלה-פרעזעס ה׳ יעקב ראָזענבערג, נאכ׳ן פערברענגען 4 וואָכען אין אויסלאַנד (פאַריז, בעלגיע) זיך צוריקגעקעהרט קיין טשענסטאָכאָוו.

פרעזעס ראָזענבערג האט בעת זיין ווײלען אין פאַריז אַנטייל גענומען אין פערשידענע געזעלשאפטליכע פעראַנשטאַלטונגען, צווישען אַנדערס האט ה׳ ראָזענבערג זיך בעטייליגט אין א זיצונג פון דער פעדעראַציע פון פוילישע יודען אין פאַריז, וועלכע האט בעשטימט 15 טויזענד פראַנק פאר די טשענסטאָכאָווער געליטענע יודען.

פון היינט אָן אַמטירט פרעזעס ה׳ ראָזענבערג אין דער קהלה.

בעשיצען די האַנדעלס שיפען פון אַנ׳אַנפאַל מצד אונטערוואַסערשיפען און אעראָפּלאַנען. אַנ׳עהנליכען בעשלוס וועגען פערגרעסערען דעם קריעגס-פלאָט אויפ׳ן מיטעללענדישען ים האט אויך אָנגענומען די פראַנצויזישע רעגירונג.

— דער סובקאָמיטעט, וועלכער איז געשאַפען געוואָרען דורכ׳ן פעלקער-בונד-ראַט, אויסצואַרבייטען א רעזאָלוציע וועגען ארץ ישראל, האט שוין פאָרגעשטעלט דעם פעלקער-בונד-ראַט צום בעשטעטיגען די ענטשפּרעכענדע רעזאָלוציע, לויט וועלכער ענגלאַנד ווערט בעפולמעכטיגט אויסצואַרבייטען א גענויען פלאַן וועגען דער טיילונג פון ארץ ישראל.

— אויף דער פלענאַר-זיצונג פון פעלקער-בונד איז ארויסגעטרעטען מיט א שאַרפער רעדע געגען צוטיילונגס-פלאַן פון א"י דער עגיפּטישער אויסערן-מיניסטער גאַלי-פּאַשאַ, וועלכער האט בעהויפּטעט, אז אין יאהר 1915 האט ענגלאַנד צוגעזאָגט ארץ ישראל די אראַבער, אזוי, אַז די שאַפונג פון א יודישער מלוכה שטעהט אין גפירוש׳ען ווידערשפּרוך צום בריטישען צוזאָג. אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האט דאס ביוראָ פון דער יודישער אַגענץ אין זשענעווע ארויסגעגעבען א קאָמוניקאַט, אין וועלכען עס ווערט דערוויזען, אַז ארץ ישראל איז ארויסגענומען געוואָרען פון צוזאָג, וואס ענגלאַנד האט געגעבען וועגען שאַפען אונאָבהענגיגע אראַבישע מלוכות.

ווידער איז נעפאַלען א געווינס אין דער
4 קלאַס 39 לאָטעריע
30.000.- ZŁ.
אויפ׳ן נומער 72.585 אין דער גליקליכער קאָלעקטור פון
J. WEKSLER
I-sza ALEJA 6
zł. 100,000
וואו ס׳איז אין דער 3 טער קלאַס געפאַלען
לאָסען צו דער 1 קלאַס זענען שוין צו בעקומען.

פאַר וואָס איך בין געבליבען שולדיג מיין שכן אַנ׳ענטפער?

א געשפּרעך אין דער סכה

— דאַנקען גאָט, וואס כאָטש איצט אין דער סכה וועלען מיר קאָנען כאַפּען א שמועס, וואָרום שוין עטליכע וואָכען, ווי איך זיך אייך און קאָן נישט פּאַקען. איצט אָבער וועט איהר זיך פון מיינע הענד שוין נישט מעהר ארויסדרעהען.—אַט מיט די דאָזיגע רייד האט זיך צו מיר געוואָנדען מיין שכן גרונם פלטיאל די ערשטע טעג יום טוב, ווען מיר האבען זיך ביי דער סעודה צוזאַמענגעטראָפען אין דער סוכּה.

— וואס איז, וואס האט איהר מיט מיר אזוי פיעל צו רעדען?

— אָה, הויבט אויף זיין קול מיין שכן. איך האָב מיט אייך צו רעדען וועגען פיעל ענינים, וועלכע ארען מיך זעהר שטאַרק און דער עיקר, וואס איך וויל זיך מיט אייך אַביסעל קריגען—יאָ, איך האָב צו אייך טענות פאַניע סמאָל, און איך וויל, אז איהר זאָלט מיר אויף זיי געבען א קלאָרען ענטפער.

— טענות האט איהר צו מיר, ווער איך שוין נייגעריג. דאַכט זיך—זאג איך ווייטער, אז איך האָב אייך אַלס שכן קיינמאָל נישט געטהון קיין שלעכט׳ס, אדרבה, איך האָב שטענדיג ווי ווייט מעגליך אייך — —

— נישט וועגען מיר פּערזענליך האַנדעלט עס זיך—רייסט מיר איבער מיין שכן, פאַר מיינעטוועגען וואָלט מיך נישט געאַרט, היינטיגע צייטען. פערבייסט מען גענוג עולות און מען מאַכט נישט דערפון קיין ווזען, אויב מיך אַרט עס איז צוליעב׳ן כּלל, יאָ, איהר זינדיגט לויט מיין מיינונג געגען כּלל, און דאס קאָן איך אייך, אייער בעסטער שכן נישט מוחל זיין.

— וואס איז דאָס אַזעלכעס, אין וואס בעשטעהן מיינע חטאים? קאָן איך זיך שוין נישט בעהערשען, און פּאָדער אויף מיין שכן, אז ער זאָל אַרויס מיט לשון.

— איילט אייך נישט, ענטפערט מיר מיין שכן, שרעקט אייך נישט—בערוהיגט ער מיך—אזוי געפעהרליך איז עס נישט, איהר דאַרפט זיך נישט אזוי אויפרעגען, גאַר נישט, ס׳איז יום טוב, צייט האט מען, וועט מען זיך אַביסעל אדורכשמועסען. און באַלד קריכט מיין שכן ארויס מיט לשון און שטעלט מיר ארויס א גאַנץ פּעקיל טענות.

— איהר פאַניע סמאָל שרייבט שטענדיג וועגען אַקטועלע זאַכען אזוי, אז ווען מען האט אדורכגעליינט א טשענסטאכאווער-צייטונג האט מען געוואוסט וועגען אַלע געשעהענישען וואס זענען זיך פערלאָפען אין שטאדט און לעצטענס פערשווייגט איהר א סך זאַכען.

— וואס פערשווייג איך? — קאָן איך נישט איינזיצען אויפ׳ן אָרט—אפשר מיינט איהר דאס, וואס איך שרייב נישט דאס דער פעלקער-בונד איז א לעבעדיגער בר-מינן, וואס קאָן גאָר נישט אויפטהון. און אפשר פערדריסט אייך דאס, וואס איך שרייב נישט, אז די וועלט האט זיך איינגעטיילט אויף צוויי מחנות אויף איבערפאַלער און בעפאַלענע. און לויט׳ן היינטיגען יושר זענען די איבערפאַלער שטענדיג די גערעכטע. אזוי איז למשל גערעכט היטלער, וועלכער צינדט אָן א פייער אין דער וועלט. און אַלע, אפילו די דעמאָקראַטישע מלוכות האבען פאַר איהם דרך-ארץ און צאַצקען זיך מיט איהם. עס איז גערעכט יאַפּאַן, וועלכער בעפאַלט דאס אונבעוואָפענטע כינע און מען מאָרדעט אויס טויזענדער אונשולדיגע מענשען. איך קומט א קניפּ אין בעקיל דעם גענעראַל פראַנקאָ, פאַר זיינע מעשי-תעתועים אין דעם בליהענדען שפּאַניען, וועלכעס ער פערוואַנדעלט אין גרוזעס. ווער שמועסט דעם דוטשע, דאַרף מען דאָך אוודאי זינגען לויב-לידער פאַר דעם וואס ער האט די ווילדע אַביסיניער געמאכט פאַר קולטורעלע מענשען—אַ יאָ דאָס מיינט איהר, קוק איך אויף מיין שכן, אויב איהר האט—זאג איך ווייטער—צו מיר טענות דערפאַר ווייל איך שרייב נישט וועגען דעם האט איהר א טעות, איך וואָלט וועגען דעם גערן געשריבען איך האָלט אָבער, אז דאס שרייבען איז א ברכה לבטלה.

— נישט דאס מיין איך—גיט א מאַך מיט דער האַנד מיין שכן.

— אויב איהר מיינט נישט דאָס—לאָז איך נישט אָב-מיינט איהר אוודאי דאס וואס איך שרייב נישט אזוי פיעל וועגען אונזערע פּרהעלטעניסען דאָ אין פוילען, אז מיר יודען זענען רעכטלאָז און מאַכטלאָז, אז מען פּרובט גאָר נישט אָבצושטעלען אָט די דאָזיגע גיפטיגע העצע געגען אונז, אז דאס דאָזיגע וועט דערפיהרען צו א גרויסע קאַטאַסטראָפע און אז נישט בלויז יודען וועלען ליידען נאָר, אז די דאָזיגע אַנטי-יודישע אונרוהען ברענגען אויך שאָדען דער מלוכה. טאַ זייט וויסען ליבער שכן—זאָג איך מיט אַביסעל צייטער אין קול, אז וועגען אָט די דאָזיגע ערשיינונגען וואָלט איך נישט בלויז געשריבען, נאָר איך וואָלט געשריגען הויך, וואָס קומט אָבער ארויס, אז ערשטענס איז דאס געשריי א קול קורא במדבר, והשנית, איז דען שרייען יאָ ערלויבט? פאַר צו הויך שרייען קאָן מען בעשטראָפט ווערען מיט א מאַנדאַט קאַרני...

— איהר האט מיך נישט פערשטאַנען — ענטפערט מיר מיין שכן — נישט וועגען די ענינים האָב איך צו אייך טענות, וואָרום אויף אזוי פיעל ווייס איך נאָך, אַז וועגען אַזעלכע זאַכען איז גלייכער, אז מען האַלט די צונג צווישען די ציינער. אויב איך האָב צו אייך א טענה איז עס נאָר צוליעב דעם, וואס איהר פערשווייגט אַנדערע היימישע יודישע ענינים.

— וואס פערשווייג איך, וואס האט איהר זיך אָנגעזעצט היינט אויף מיר?—ווער איך שוין אויף אַנ׳אמת אין כּעס—דאַכט זיך, זאג איך, פערקעהרט, אַז איך שרייב וועגען יעדע עולה, וואס געשעהט נאָר אין שטאָדט, און איך האָב זיך געגוג שונאים פערשאַפט צוליעב דעם, וואס איך בין נישט נושא פנים קיינעם, און נישט בלויז שונאים, נאָר ס׳זענען פערהאַן אפילו אזעלכע, וואס וואָלטען מיך דערפאַר געדורסט.

— האָט איהר דערפאַר מוֹרא?—ענטפערט מיר מיין שכן אויך מיט א פראַגע — פערפאַלען, איהר זענט א שרייבער אין א אָרטיגער צייטונג, מוזט איהר וועגען אַלעם שרייבען, און טאָמער טרעפט זיך, אַז עמיצען געפעלט עס נישט, איז אויך פערפאַלען, איהר מוזט אָבער טהון ס׳אייעריגע. און אויב איהר טהוט עס נישט, האָב איך טאַקי צו אייך טענות.

— א סוף, זאָל מען שוין הערען די טענות, וואס איהר האט צו מיר.

— ראשית — זאָגט מיין שכן — פאַרוואָס האט איהר נישט געשריבען וועגען דער עקסמיסיע, וואס איז פאָרגעקומען אין סאַמע יום כּפּור, וואס איהר האט מורא. דאַכט זיך, אז ווען ס׳זענען פאָרגעקומען אַנדערע עקסמיסיעס, האט איהר זיך גאָרנישט געשעמט און געשריבען גאַנצע עמודים. והשנית, האט איהר נישט קריטיקירט די קהלה פאַר איהר אויסמעסטען דעם עטאַט — כ׳ווייס נישט ווער ס׳האט רעכט, נאָר אַז ס׳איז דאָ וועגען דעם עפּיס צו זאָגען, דאס איז דאָך בעשטימט און פונדעסוועגען שווייגט איהר. דאָן, ווייס איך — ווינקט צו מיר מיט אַנ׳אויג מיין שכן — אז מען האט אייך דערצעהלט א מעשה וועגען א פרוי, וועלכע איז גייסטיג קראַנק געוואָרען, האט עס אָבגעקאָסט דעם מאַן אוצרות געלד, אַזוי, אז ער איז געוואָרען אַנ׳ארימאַן. ענדליך האט גאָט געהאָלפען, אז די פרוי איז אהיימגעקומען און קרענקט נאָך א ביסעל אונטער. איהר איינציגער פערלאַנג איז אָבער צו זעהען איהר איינציגען ברודער, וועלכער געפינט זיך אין שטאָדט און וויפיעל מען זאָל איהם נישט בעטען צו בעזוכען די שוועסטער, און אויך די דאָקטוירים האַלטען, אַז אויב דער ברודער וועט זי בעזוכען, וועט איהר בעשטימט בעסער ווערען, און טראַץ דעם אַלעם, וויל דער ברודער איהר נישט בעזוכען און די קראַנקע געהט ממש אויס. טאַ פאַרוואָס פערעפענטליכט איהר נישט די דאָזיגע עולה.

אויך האָב איך א טענה הלמאי איהר האט נישט —

— שוויגט נאָר א מינוט! רייס איך איבער, וואס איז דאס אין דרויסען אזא געשריי! און באַלד בין איך ארויס פון דער סכּה און געלאָפען אויפ׳ן אָרט פון געשעהעניש און האָב געזעהען א שרעקליך בילד. עטליכע יודען מיט בערד און אהן בערד זענען געלאָפען מיט שרעקליכע קולות און פון זייערע קעפּ האט גערינען בלוט. וואס איז? גאָרנישט, זיי זענען אדורך די אַלעוואָלנאָשטשי, זענען זיי בעפאַלען געוואָרען דורך א חבורה כוליגאַנעס, וועלכע האבען זיי געגעבען צו פיהלען דעם טעם פון פרייהייט (וואָלנאָשטשי)...

סיי ווי בין איך שוין נישט צוריק אריין אין דער סכּה און בין אזוי ארום געבליבען מיין שכן שולדיג אַנ׳ענטפער...

סמאָל

זמן שמחתנו

(בעטראכטונגען און שטימונגען)

סוכות ווערט אנגערופען זמן שמחתנו. דאס איז דער יום טוב, אין וועלכען דער יוד האט אמאל, אין דער אלטער שענער צייט פון זיין געשיכטע, זיך געפרעהט מיט דער נאטור, מיט'ן לע-בען, מיט זיין לאנד און איהר שפע, וואס זי האט איהם געגעבען. פערענ-דיגט איז געווען די שווערע ארבייט אונטער די ברענענדע שטראהלען פון דער פאלעסטינע-זון. די שייערן זענען געווען פול מיט תבואה. דער קעלער איז געווען פול מיט וויין. ס'איז גע-גאנגען א מילדער, רוהיגער ווינטער, אין וועלכען מען דארף נישט הארעווען, נישט זארגען. דער יוד האט פול דאנק-בארקייט, אויסגעוועהלט דאס שענסטע און בעסטע פון דעם, וואס גאט האט איהם געבענשט און איז געגאנגען אין בית-המקדש, וואו ער האט צוזאמען מיט'ן כלל ישראל געפייערט דעם יום-טוב פון פרייד, דעם חג האסיף.

אין א שפעטערע צייט איז סוכות געווארען פערבינדען מיט שמחת תורה, מיט דער פרייד, וואס דער יוד האט געהאט דערפון, וואס ער האט זוכה געווען צו ענדיגען די תורה, וואס ער האט אבגעלעבט א יאהר אין יודיש-קייט, אין זיין גלויבען אין דער תורה און איהרע געבאטען. ער האט מיט בעגייסטערונג אנ'אמת'ע יודישע שמחה געפייערט דעם יום טוב, וואס שליסט אב דאס יודישע יאהר, וואס רעכענט זיך נאך די פרשות פון דער וואך, נאך דעם סדר פון דער תורה. ער האט צום שמיני עצרת מוסיף געווען א ספעציע-לען יום-טוב, וואס איז לכתחילה אפשר נאר געווען דער „יום טוב שני של גליות", דער טאג, וואס מען האט מוסיף געווען צוליעב דער פינסטערניש פון גלות, אין וועלכען יודען האבען פער-געסען דעם חשבון פון די טעג און יאהרען און האבען פון ספק וועגען מוסיף געווען א טאג. אבער מיט דער צייט איז גראד דער ספק טאג, דער צווייטער טאג, געווארען א בעזונדע-רער גרויסער יום-טוב, וואס האט בע-קומען דעם נאמען שמחת תורה, דער טאג, וואס איז בעשטימט זיך צו פרע-הען מיט דער סיום התורה.

די תורה איז אבער טיעפער ווי דער ים און האט נישט קיין ענדע, ווי די וועלט. זי ענדיגט זיך קיינמאל נישט און דערפאר איז דער יום-טוב פון ענ-דיגען די תורה געווארען אויך דער יום-טוב פון התחלת התורה. אין דעם מאמענט, ווען עס ווערט געפייערט דער סיום-התורה, ווערט באלד געמאכט די התחלה און מען הויבט ווידער אן די תורה פון אנהויב.

אזוי איז דער חג-האסיף, דער יום-טוב פון דער נאטור, פון פאלקסטימלי-כען לעבען, געווארען מיט דער צייט, ווען יודען האבען פערלוירען דעם צו-זאמענהאנג מיט דער נאטור, מיט דער ערד און איהר שפע, א יום-טוב פון יודישען גייסט, פון דער יודישער תורה. און דער יום טוב איז ביי יודען געווען אפשר דער איינציגער, אין וועלכען דער יוד האט זיך באמת געפרעהט פון גאנצען הארצען, האבען געפיהלט א טיעפע, אינערליכע, הארציגע שמחה. גרויס און קליין, ארים און רייך, תלמי-די חכמים און עמי-הארצים האבען זיך מיט גלייכער בעגייסטערונג בעטייליגט אין דער שמחת-תורה און דאס געזונטע יודישע געפיהל האט פעראייניגט אין דער שמחה אלע דורות. נישט בלויז מיר, יודען אין גלות, פייערען שמחת תורה, נאר אויך די פריהערדיגע דורות, די אבות און די נביאים האבען זיך געפרעהט אין שמחת-תורה,—זאגט דער יודישער משורר.

גרויס איז געווען די ליעבע צו דער תורה אין אלע צייטען. פון איהרעס-וועגען זענען יודען געגאנגען אין פיי-ער און אין וואסער, האבען געליטען הונגער און קעלט, אבי צו קענען לער-נען תורה, אבי צו געניסען איהר ליכט; די תורה איז דער לעבענסבוים: אונטער איהר שוץ האט זיך דער יוד בעהאלטען אין די שלעכטע, ביטערע צייטען.

אויך אין אונזערע צייטען איז די ליעבע צו דער תורה, צו וויסענשאפט נישט אויסגעלאשען געווארען אין יו-דענ'ס הארץ. א טיעפער דורשט נאך וויסען, נאך פארשען און לערנען פיהלט זיך אין יודישען פאלק. איבער לענ-דער און מדבריות, איבער ימים און מדינות וואנדערען יודישע קינדער און זיך צו דערקוויקען אין דעם קוואל פון תורה, און צו געניסען א שטראהל פון דער ליכטיגקייט, וואס שטראמט ארויס פון דער וויסענשאפט. גרויס זענען די קרבנות, וואס יודען ברענגען אויף דעם מזבח פון דער תורה און פונ-דעסטוועגען איז די שמחת החג, די שמחת תורה געשטערט ביי אונז.

עס נאגט אין הארצען א פיינליך געפיהל, א געפיהל פון פיין און ער-נידערונגען, וואס מיר דאס עם הספר, דאס אתה בחרתנו פאלק ווערט אויס-געשפאט און אויסגעלאכט. מען שימפט אונזער רעליגיע און מען טרעט מיט די פיס אונזער נאציאנאלען שטאלץ, מיר זענען געווארען דער סימבאל פון אלעם שלעכטען. יעדער וואמפיר, וועל-כער וויל קומען צום מלוכה-רודער, מאכט אונז פאר דעם שעיר לעזאזל, און דאס פאלק, דער המון-עם פאסמא-קעוועט זיך מיט דעם געריכט, וואס מען גרייט פאר זיי אן. אין ביי דער קלענסטער קלייניגקייט פלינדערט מען דאס יודישע האב און נוטס און אויך דעם גוף שוינט מען נישט.

דער זמן שמחתנו, דער יום-טוב פון שמחת תורה איז ביי אונז דערפאר גע-שטערט געווארען. נישטא קיין מוטה, נישטא קיין שטאלץ אויפצוהייבען די יודישע פאהן אין דעם יום-טוב און זיך פרעהען פון טיעפען הארצען. „גלה כבוד מישראל"—די יודישע עהרע איז שטארק בעליידיגט און פערלעצט גע-ווארען און צום ערגסטען איז, וואס מען זעהט נישט קיין אויסוועג פון דער טרויעריגער לאגע, מען זעהט נישט מיט וואס מען וואלט קענען פערבעסערען דעם מצב און ארויספיה-רען דעם פעראירטען דור אויפ'ן ריכ-טיגען וועג. מיר האבען נישט קיין פיהרער און קיין וועגווייזער. פון אוי-סענוועניג לויערט א פערביטערטער, פערביסענער שונא, וואס האט אונז אלע וועגען פערשפארט און פון איני-וועניג הערשט א שרעקליכע פער-צווייפלונג און גלייכגילטיגקייט.

ביי אזא שרעקליכען מצב איז אפילו אין שמחת-תורה זיך שווער צו פרע-הען, זעהר שווער.

—סט

שמחה לארצך וששון לעירך...

(געווידמעט דעם יובל פון אונזער בן עיר רעדאקטאר אברהם קאץ)

געוועזן מיט יאהרען צוריק אין פיע-טריקאוו א מאנופאקטור-סוחר, א יוד א נגיד, א שטיקעל משכיל, מיט'ן נא-מען אפרים-פישל קאץ. געלעבט האט ער רוהיג, שטיל, נישט געטהון קיינעם קיין עולה און זיך מפרנס געווען בכבוד גדול.

אפרים פישל קאץ איז אבער גראד געווען א טעמפעראמענטפולע נאטור און ספעציעל-שטארק האבען אויף איהם געווירקט געשעהענישען פון יודישען לעבען און אין די 80 ער יאהרען פון פערגאנגענעם יאהרהונדערט, ווען עס איז ענטשטאנען די חיבת-ציון בעווע-גונג און די גדולי הדור הרב צבי הירש קאלישער, ר' שמואל מאהליווער א.א. זענען ארויסגעטרעטען מיט א קול-קורא וועגען אויפלעבען ארץ ישראל, איז אפרים פישל געווען פון די ערשטע, וואס האבען פערקויפט זייער פערמעגען און זיך בעזעצט אין ירושלים.

אין ירושלים האט אונזער אפרים פישעל געזוכט אויפצוטהון עפעס נייעס און היות ער האט געזעהען, אז די גאנצע קאמוניקאציע בעוועגונג, ווערט געמאכט דורך אייזלען, האט ער פער-שטאנען, אז די טערקען זענען חמורים און בעזיצען נישט קיין השגה וועגען פערד. דעריבער האט ער זיך איינ-געקויפט א מנין פערד מיט וועגען און אנגעהויבען צו פיהרען א קאמוניקא-ציע-אונטערנעהמונג כמנהג אייראפא.

גרויסע צרות האבען נעבעך החבר אפרים פישל און זיינע פערד געהאט פון דער אונטערנעהמונג. ווייל די געבערג און וועגען זענען נישט גע-וועזן געאייגנעט צו פערד-קאמוניקאציע. און נישט איין פאר פערד איז געפא-לען בעת דער ארבייט. קאץ איז אבער געוועזן א גרויסער עקשן און נישט קו-קענדיג אויף די גרויסע היזקות, האט ער נישט געוואלט פון זיין אונטער-נעהמונג אבטרעטען.

אין א געוויסען טאג האט זיך צו קאצ'ען געמאלדען אנ'עלעגאנטער הערר און זיך געפרעגט אויב ער קען זיך אונטערנעמען צו פיהרען מיט זיינע פערד צוויי אנשים חשובים, וואס זע-נען געקומען פון אייראפא און ווילען בעזיכטיגען ירושלים.

פערשטעהט זיך, אז אפרים פישל האט נישט לאנג געקלערט און דעם פארשלאג אקצעפטירט פערזיכערענדיג, אז די געסט ווילען זיין העכסט צו-פרידען.

אפרים פישל האט צוגעגרייט אנ'-עלעגאנטען וואגען מיט 4 פערד גע-שפאן און ווי נאר די צוויי געסט זע-נען געקומען, איז ער זעלבסט צוזא-מען מיט זיי איינגעשטיגען אין וואגען און זיך געלאזט אין וועג.

מאכט זיך א מעשה, אז דער וואגען, ארויפפאהרענדיג אויף א בארג, האט זיך איבערגעקעהרט. אלע רייזענדע זענען אראבגעפאלען און איינער פון די געסט האט זיך גוט צושעדיגט.

עטליכע טעג שפעטער האט אפרים פישל קאץ בעקומען א מיטטיילונג פון דער טערקישער מאכט, דאס ער ווערט בעשטראפט אויף א מאנאט אומבע-דינגטען ארעסט פאר פערראורזאכען א קערפערליכע בעשעדיגונג דעם צאר אלעקסאנדער דעם דריטען. גלייכצייטיג ווערט פערבאטען ווייטער צו פיהרען די פערד-קאמוניקאציע-אונטערנעהמונג, ווייל זי איז שעדליך פאר דער בע-פעלקערונג.

קאץ האט דאן פערקויפט זיינע סוסים און פאר'ן געלד אויפגעבויט א הויז. אלס לאקאטארען האט ער אריינ-גענומען בלויז יודען-לומדים—ארימע לייט, וועלכע האבען חיונה פון מאיר בעל-הנס קאסע און אין דעם זכות זעלבסטפערשטענדליך נישט געהאט אפילו בדעה צו צאהלען דירה-געלד. קאץ האט לגבי זיי נישט געוואלט אנ-ווענדען קיין צוואנגס-מיטלען און לסוף איז ער געוועזן געצווינגען צו פערקויפען דאס הויז אין אסרו חג סוכות תרמ"ח און צוריק איבערצופעק-לען זיך מיט'ן יתר הפלטה קיין פיע-טריקאוו. פאר'ן אבפאהרען קיין חוץ לארץ האט ער נאך בעוויזען צו מא-כען א ברית און אריינצובריינגען בבריתו של אברהם אבינו דאס גע-בוירענע אין ירושלים זוהנ'דעל אברהמ'ל.

נאכ'ן צוריקקעהר קיין פוילען מיט די בני-בית איז אפרים-פישל'ן ווייטער נישט געגאנגען איבריג פויגעלדיג. ער האט געמאכט א געשעפט מיט א שותף און אונטערגעשריבען איהם בלאנ-קא-וועקסלען אויף 1000 רובל. דער שותף האט די וועקסלען אויסגעשטעלט אויף 10.000 רובל און קאץ איז ארויס נקי מנכסיו.

קאצ'ס קינדער געפינען זיך אין פערשידענע שטעדט אין פוילען און דאס גרעסטע געווינס, דאס תוצרת-הארץ'דיגע אברהמ'ל, איז צוגעפאלען אונזער ליעבען טשענסטאכאוו.

אברהמ'ל קאץ האט גע'ירשנ'ט פון פאטער זיין אידעאליזם און „אונטער-נעהמונגס-גייסט" מיט'ן אונטערשיד, דאס אנשטאט מיט פערד-קאמוניקאציע האט ער—להבדיל—זיך פערנומען מיט ליטעראטור און דרוק-אונטערנעהמונגען און אנשטאט צרות פון אלעקסאנדער דעם דריטען האט ער געליטען צרות צרורות פון די לעזער, וועלכע ער האט אנגעגריפען אין זיינע גייסטרי-כע ליטעראַרישע אויסגאבען. ער האט געשאפען צאהלרייכע דרוק-און ליטאָ-גראפיע-אונטערנעמונגען, געדרוקט ערשטקלאסיגע עטיקעטען און וואהל-אויפרופען, ארויסגעגעבען גאנצע דריי נומערן פון וועלט-בעריהמטען ארגאן „דער טשענסטאכאווער שפיגעל", אין וועלכען ער האט „געלונגען" און „אפענהערציג" אבגעשפיגעלט דאס לעבען פון פיעל טשענסטאכאווער כלל-טהוער און איינוואוינער, געלעגען נאך יעדען נומער עטליכע טעג בעהאלטען אין א קעלער אדער אויף א בוידעם

וואס געהערט, וואס געזעהן.

די לעזער וועלען מיר מוחל זיין, וואס זיי וועלען געפינען אין מיין „וואס געהערט וואס געזעהן" עטליכע פערצלעטערטע קאפיטלען. דאס איז דערפאר, ווייל צוליב די יום טוב טעג, וואס פאלען אויס אין מיטען וואך, מוז מען דאס מאטעריאל צוגרייטען פון פאראויס. כ'פערהאף אבער, אז די לעזער וועלען זיך אפילו מיט א שטי-קעל עלטער „געבעקס" דעם מאגען אויך נישט פערדארבען...

אקטועלע ענינים...

יעדע צייט שאפט איהרע בעדינגונ-גען און אויך די איצטיגע צייט אין וועלכע מיר לעבען שאפט אזעלכע פראגען אויף וועלכע עס איז שווער צו געבען אנ'ענטפער.

איך וועל אזוי בדרך רמיזא אנווער-פען א שטיקעל סקיץ.

אין דער צווייטער אלעע זענען פער-האנען נאך עטליכע יודישע געצעהלטע, געוועלבער, געגען וועלכע עס ווערט געפיהרט א סיסטעמאטישע באיקאט-אקציע, מען וויל זיי פשוט אונטער-ברענגען, די יודישע סוחרים קעמפען מיט די לעצטע כחות, כדי צו דער-האלטען זיך אויף דער פאזיציע. היות אבער ווי דער געגנער האט אנ'אי-בערוויגענדע קראפט. מוז מען לאין ברירה אבטרעטען. אזוי האבען שוין טאקי עטליכע יודישע פירמעס עוקר געווען פון דער צווייטער אלעע און זייער ארט האבען פערנומען נישט-יוד'ען.

אין אנדערע צייטען וואלטען מיר אויף דעם נישט געלייגט קיין אכט, ווייל וואס איז דען די נפקה-מינא ווער עס איז דער סוחר א יוד אדער א קריסט. היות אבער, ווי דא ווערט געפיהרט א בעוואוסטזיניגע פלאנמעסי-גע אקציע צו פערטרייבען די יודישע סוחרים פון דער צווייטער אלעע, דארף דאס גענומען ווערען אין אכט. מאכט זיך א מעשה, אנ'איינהאבער פון א קראם אין דער צווייטער אלעע וויל צוקר זיין גראד ווייל איהם א נישט-יוד געבען אבטרעט-געלד, וואס טהוט מען אין אזא פאל?

לעצטענס טרעפען אפט אזעלכע פא-לען, און דאמאלס, ווענדט זיך שוין, ווער עס איז דער בעל-הבית פון דעם הויז, אט למשל קאן איך אייך דער-צעהלען 2 געגענזעצליכע פאקטען. איין ווירט אויף דער זייט פון די גראד-נומערן האט לעצטענס. טראץ דער ביטע פון עטליכע יודישע בראנ-זשיסטען, דאך פערדינגען א געוועלב פאר א ריין קריסטליכע היטען-גע-שעפט און אזוי ארום צוגעפיהרט, אז 4 יודישע היטען-פיצער-מאגאזינען פון דער צווייטער אלעע זאלען פערלירען זייער פרנסה. און א צווייטער פאקט האט געטראפען, אז אויף דער זייט פון די אום נומערען האט א יודישע פירמע געוואלט אוועקגעבען דאס גע-וועלב א נישט-יוד און דער יודישער הויז-אייגענטימער האט בשום אופן נישט געלאזט, ער וויל נישט קיין געלד.

איך האב אייך דערצעהלט וועגען דעם, כדי אייך צו ווייזען, אז דאס וואס יודישע געוועלב-אייגענטימער מוזען אנטלויפען פון דער צווייטער אלעע און איבערגעבען די געוועלבער אין נישט יודישע הענד געהער היינט צו די אקטועלע ענינים.

א מערקווירדיגע זאך...

אין דעם ים פון העצעריי אויף יו-דען און כוליגאנישע אנפאלען, וועלכע מעהרען זיך פון טאג צו טאג ווערט בעשטימט זיין א דערפרעהענדע ער-שיינונג. דאס וואס די קלאסען פער-איינען פון פ. פ. ס. האבען פראקלא-מירט א פראפאגאנדע חודש געגען אנ-טיסעמיטיזם. דאס בעווייזט, אז נאך נישט אלץ אין פוילען איז פער'סמ'ט מיט'ן אנטי יודישען גיפט, און דאס גיט אונז מוט צו האפען. אז עס וועלען אויך נאך קומען בעסערע ליכטי-גערע צייטען.

אונז טשענסטאכאווער יודען, וואונ-דערט אבער דאס, וואס די היגע קלא-סען-פעראיינען האבען עפעס נאך גאר נישט געטהון אין קאמף מיט'ן אנטי-סעמיטיזם. ווער איז אין דעם שולדיג? צי איז שולדיג די שטאדט, וואס האט אזא פינסטער מזל אדער די היגע פ.פ.ס. וואס האט שלימ'מזל'דיגע, נישט דרייסטע פיהרער. יעדענפאלס איז דאס וואס אין טשענסטאכאוו האט די פ.פ.ס. נאך נישט אונטערגענומען קיין שריט ארויסצופיהרען די בעשלוסען פון זייער צענטראלע וועגען קאמף מיט'ן אנטי-סעמיטיזם זעהר מערקווירדיג...

דרך אגב...

מיר האבען אין פוריגען נומער פון אונזער צייטונג דערצעהלט וועגען די 2 יודישע זייף-פאבריקען, וועלכע זע-נען דא אין טשענסטאכאוו, דאס זענען די פירמעס: יאקוב קראמאלאווסקי און דזובאס און היות ווי זיי ווערען באי-קאטירט דורך נישט יודען וואלט גע-ווען א יושר, אז יודען זאלען זיי כאטש אינטערעסירען. איצט דערצעהלט מען מיר וועגען דעם, אז אין טשענסטא-כאוו איז פערהאנען סך הכול איינ-איינציגע יודישע ראדיא פאבריק, דאס איז די פירמע „ווארלד-ראדיא" און איין יודישע פערקויפס-שטעלע פון ראדיאס, דאס איז די פירמע טייכנער.

דאס וואס איך דערמאן די יודישע בעפעלקערונג וועגען אט די יודישע ראדיא-פירמעס אוז אויך נאר אזוי דרך אגב...

דערלעבט די נקמה...

מיט א סאדיסטישער הנאה, דער-צעהלט דער היגער „גאניעץ" וועגען די העלדישע מעשים פון ווארשאווער ענדעקעס, וועלכע האבען פיקעטירט די יודישע בוכהאנדלונגען אויף שוו קושיס-קע. דערביי קוועלט דער „גאניעץ" מיט א סאדיסטישער הנאה, וואס אין טשענסטאכאוו איז נישט געווען קיינעם צו פיקעטירען, ווייל די איינציגע יו-דישע בוכהאנדלונג האט זיך גאט צו דאנקען ליקווידירט.

אט אזוי זעהט אויס די ווילדע שמחה פון די גיפט-מישער, וועלכע האבען דערלעבט די נקמה...

דער וואונש זאל מקוים ווערן...

פערגאנגענעם ערב יום כפור האט די חברה-קרושא כמנהגם געמאכט אויפ'ן בית עולם א לחיים און פערביסען מיט האניג-לעקעך. צווישען די חברה-לייט איז אויך געוועזען דער אייגענטימער פון הויז אין וועלכען ס'געפונט זיך דער לאקאל פון דער חברה.

ביי די לחיימ'ס האט מען זיך גע-ווינשען, אז מען זאל די זכייה האבען, דאס היי-יאהר זאל די חברה קדישא נישט עקסמיטירט ווערען פון לאקאל.

דער הויז-ווירט, וועלכער איז אויך א חברה-קהישא-מאן, דערהערענדיג די ווינשעוואניע האט שנעל אריינגעכאפט די כוסה און געמאכט ויברח.

נאך וועגען שוהל-כאר.

עס איז אמת, אז נישט קוקענדיג דערויף, וואס אין די היינטיגע ימים טובים איז אין דער שטאדט-שוהל נישט געווען קיין כאר, איז דאך דער עולם מתפללים געווען הכסט צופרידען פון דעם הערליכען דאווענען, וואס עס האט אבגעריכט דער חזן כאלעוואר.

אלץ אמת, מען מוז אבער געדענ-קען, אז ווי דער חזן זאל נישט זיין קיין גוטער און פעהיגער (אין דעם פאל איז דער חזן כאלעוואר דער ריכטי-גער מענש אויף זיין פלאץ), איז אבער א כאר א ציהרונג פאר א שוהל און איבערהויפט פאר א שטאדט-שוהל, וואס איז די רעפרעזענטאנץ-שוהל. דע-ריבער איז ביי די שטענדיגע מתפללים פון דער שטאאט-שוהל נאכאמאל ער-וועקט געווארען דער געדאנק צו בע מיהען זיך, אז אין דער צוקונפט זאל-

דער אמת וועגן די אַביסינישע „לוחות"

(רעזולטאַטען פון א אויספאָרשונגס-קאָמיסיע אין אַקסום)

בשעת דער לעצטער איטאַליעניש-אַביסינישער מלחמה, בפרט ווען די איטאַליענישע לעגיאָנען האָבען זיך אריינגעריסען אין דער הייליגער שטאָדט אַקסום—דעם קודש-הקדשים פון דער קריסטליך-אַביסינישער, קאָפּטישער רעליגיע—איז אין דער אַלגעמיינער און יודישער וועלט-פּרעסע ווידער אַרויף די אַלטע סענסאַציע: אַז אין דעם טעמפּעל פון אַקסום, וועלכער איז אין דער וועלט בעקאַנט מיט זיין היסטאָרישען „אָבעליסק", אַ הויכער טורם מיט אַנטיקע אויפשריפטען און פיגורען, — אין דעם דאָזיגען טעמפּעל האט זיך געדאַרפט געפינען לויט אַן'אַלטער לעגענדע אַ געטרייע קאָפּיע פון לוחות, טאַקע פון יענע, וואס משה רבינו האט פון באַרג סיני געבראַכט פאַר זיינע יודישע ברידער.

דעם דאָזיגען פאַקט האבען די אַביסינישע גלחים אַליין געהאַלטען אלס א ווירקליכקייט און געשאַפען ארום די „לוחות" אַן'אונדערגרייכבאַרען סוד פאַר דער גאַנצער וועלט, ווייל מען האט קיינעם אַט די „לוחות" נישט בעוויזען.

זיי זענען לאַנגע יאהרהונדערטער געווען בעהאַלטען אין דעם טעמפּל פון אַקסום און נאָר דער „אבונא" — דער אַנפיהרער פון דער קאָפּטישער רעליגיע — האט געהאַט א פרייען צוטריט צו זיי. די שליסלען פון דעם צימער, אין וועלכען די „לוחות" זענען געשטאַנען, האבען זיך געפונען אין די הענד פון נעגוס אַליין.

מען דערצעהלט, אז אין 17-טען יאהרהונדערט האבען איינגע קריסטליכע מיסיאָנערען געזעהען די „לוחות" און בעשטעטיגט דערביי די אַלטע לעגענדע וועגען מלכת שבא.

לויט דער לעגענדע, האט די מלכת שבא — נאכדעם ווי זי האט א געוויסע צייט געלעבט מיט שלמה המלך און געהאַט פון איהם א קינד, וועלכער האט לויט דער אביסינישער טראַדיציע געהייסען מענעליק און איז געווען דער גרינדער פון דער קעניגליכער דינאַסטיע פון די נעגוסען — בשעת איהר אַבפאָהרען פון ירושלים ארויסבעקומען אַ געטרייע קאָפּיע פון די „לוחות" און געבראַכט זיי קיין אופיר, דאס לאַנד, וועלכעס מען האַלט פאַר אַביסיניען... די אביסיניער גופא האַלטען זיך טאַקי אַלס אור-אייניקלעך פון די אמאָליגע יודען און ביי זיי איז ירושלים דער צענטער פון דער קאָפּטישער קירך.

שוין אין 19-טען יאהרהונדערט איז דורך אנדערע מעהר ערנ'סטע מיסיאָנערען פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז מיר שטעהען דאָ פאַר א גרויסע נאַרישע פעלשונג.

די דאָזיגע מיסיאָנערען האבען בעשריבען זייער בעזוך אין אקסום און אָנגעגעבען די פאָרמען און די אויפשריפטען איבער די „לוחות". זיי האָבען דערצעהלט — און אין סוף פון פוריגען יאהרהונדערט איז עס ווידער בעשטעטיגט געווארען — אז אויף די לוחות געפינען זיך גאָר דריי גריכישע בוכשטאַבען: י. ה. ס. און דאס אליין בעווייזט שוין, אז מיר האבען דאָ צו טהון מיט א פעלשונג פון א גרויסען מאסשטאב, ווייל די דאזיגע גריכישע אותיות זענען גאנץ גוט בעקאַנט דער קריסטליכער וועלט. און עס איז דאָך געוויס אונמעגליך, אז אויף משה רבנו'ס לוחות זאָלען זיך האבען געפונען די דאזיגע בוכשטאבען אין א שפּראַך, וועלכע האט נאך דאַן נישט עקזיסטירט אפילו.

די לעגענדע איז אָבער געבליבען. מענשען האבען נאך געגלויבט אין דער געשיכטע מיט דער מלכת שבא, וועלכע האט עס געבראַכט מיט זיך די „לוחות" און זיי ווערען געהיט אין דעם הייליגען אביסינישען קלויסטער אין אַקסום.

ביז עס איז געקומען דער סוף פון דער טויזענד-יעהריגער אונאָבהענגיגקייט און אביסיניען. איטאַליענישע סאָלדאַטען האבען איינגענומען אַביסיניען; דער פערבאַנד פון די יודישע קהלות אין איטאַליען האט געשיקט קיין אביסיניען דעם אַדוואָקאַט וויטערבאָ צו געפינען די פאַלאַשען, די שוואַרצע יודען פון נעגוס און — דער וואַטיקאַן, די פויפּסטליכע מלוכה, האט געשיקט קאָמיסיעס, וועלכע זאָלען פאָרשען די קאָפּטישע רעליגיע און איהרע יסודות. די קאָמיסיע פון וואַטיקאַן איז א לענגערע צייט געבליבען אין דער הייליגער שטאדט אַקסום. פערשטעהט זיך, אַז אין איהרע הענד זענען געווען די שליסלען צום „אבעליסק"-טעמפּל (דעם אָבעליסק גופא האט מען שוין געבראַכט קיין רוים, וואו ער וועט שטעהן אויף דער „גאַס פון נצחונות"...) און מען האט זיך גלייך גענומען פאָרשען די כלומר'שטע קאָפּיע פון די „לוחות", וועלכע וואלט מסתמא אויך געבראַכט געוואָרען אלס מתנה מוסאָליני'ן.

איצט געפינט זיך שוין די פויפּסטליכע אויספאָרשונג-קאָמיסיע צוריק אין רוים. זי האט פאָרגעשטעלט די רעזולטאַטען פון איהר ארבייט און אין דעם לאַנגען דין-וחשבון געפינט זיך אויך א בעזונדער קאַפּיטעל וועגען די כלומר'שטע „לוחות" פון דעם טעמפּל אין אַקסום.

די גאַנצע איטאַליענישע פרעסע האט די מעשה אויפגענומען מיט גרויס אינטערעס און עס ווערט אין איהר בעוויזען די פאלשקייט פון די „לוחות", צוזאַמען מיט דער פאלשקייט פון אַלע לעגענדעס, וועלכע זענען געבויט געוואָרען במשך פון פיעל דורות אַרום זיי.

די פויפּסטליכע קאָמיסיע איז געקומען צו פאָלגענדע רעזולטאַטען:

עס איז נישט פערהאַן קיין שום היסטאָרישע בעשטעטיגונג, וועלכע קען ווייזען, אז די קעניגין אַסאַב, וועלכע איז געווען אין ירושלים, איז טאַקע די זעלבע מלכת שבא, וועלכע זאל האָבען א געוויסע צייט געלעבט מיט'ן מלך שלמה און געהאט פון איהם א קינד, מענעליק, דעם גרינדער פון דער אַביסינישער דינאַסטיע און במילא האט זי נישט געקענט זעהן קיין לוחות פון בית מקדש און בעהאַלטען פון זיי א קאָפּיע. די כלומר'שטע „לוחות" פון אקסום זענען איין לאַנגער מאַרמאָרשטיין, אויף וועלכען די „דברות", אַלע צעהן צוזאמען, זענען געשריבען אויף איין זייט, אין דער לשון, אין דער אַמהאָרישער, אלט-אַביסינישער שפּראַך, וועלכע האט קיין שום געמיינזאַמעס נישט מיט העברעאיש.

צווייטענס: אונטער די „דברות" זענען אויסגעקריצט, אין זעהר גרויסען פאָרמאַט, די אויבענדערמאנטע דריי גריכישע קריסטליכע בוכשטאַבען און עס איז מעהר ווי זיכער, — זאגען די פויפּסטליכע פאָרשער — אז אויף די „לוחות" פון משה רבנו האט זיך נישט געקענט געפינען דער דאָזיגער צייכען, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרען ערשט מיט פיעל יאָהרהונדערטער שפּעטער.

אַזוי אַרום — קומט די פויפּסטליכע קאָמיסיע צום בעשלוס — איז קלאָר, אַז דאָ האנדעלט זיך וועגען אַ פעלשונג, א רעליגיעזע מיסטיפיקאַציע, וועלכע האט געדויערט אַ לאַנגע צייט דערפאר, ווייל קיין שום מענשליך אויג האט די דאזיגע פאלשע „לוחות" קיינמאָל נישט געקאנט זעהען.

איז אזוי אויס מיט א לעגענדע, טיט א זיסער לעגענדע...

סוכות-צייט

אויס זונענשיין, שטראַהלען, אויס קעניגרייך-פלאַנצען! —
צו'הרג'עטע ליגען די גראָזען.
עס סוד'ען זיך אומעטיג נאַקעטע צווייגען,
און קוקען זיך איינזאַם פערלאָזען.

פערבייגען זיך בעטלעריש ריזיגע סאָסנעס
און גאַרען א שטראַהל זיך צו קוויקען.
אומזיסט זייער בעטלען: פערוואָלקענט דער הימעל,
פערשפּרייט מיט א דעקטוך אַ דיקען.

דערזעה איך די גרויסע פערוויסטונג, וואס הערשט דורך,
ווי ס'נעמט אַלץ אין שוואַרץ זיך דעקען, —
אַנ'אומעט פערכאַפּט מיך, אין ליידען דערמאָנט זיך,
אין בילדער פון גרויזאַמען שרעקען.

צויאָמערט זיך פאָרכטיג אַ שטעכיגעס ווינטעל,
דערמאָנט זיך אין גרויסע שפּיטאָלען,
אין טויך-מערץ געשרייען, אין צאַפּלען פון קערפּערס,
אין אברים צו'מזיק'ט געשוואָלען.

פערשפּרייט זיך דער הימעל מיט גרויזאַמע וואָלקענס,
אין קערקערס דערמאָנט זיך, אין גראַטעס,
אין מענשען פערוויסטע, אין קייטען געפּענטעט,
אין שימעל פערזונקען, אין שמאַטעס.

צוקאָפּעט זיך העסליך א דריבניקער רעגען,
דערמאָנט זיך אין שוואַרצע פאַבריקען:
אין רוישעז פון רעדער, אין מענשען ווי שאָטענס,
אין טריבע, פערלאָשענע בליקען.

צושאָקעלט זיך שמערצליך אַ בוים אַ פערדאַרטער,
פאַרביי געהט מייז אָרימעס לעבען:
דערמאָנט זיך מיין בלאַסע, מיין טרייסטלאָזע יוגענד.
דערמאָנט זיך אין חדר, אין רבי'ן...

צופאַלען זיך בלעטער פערוועלקטע און אָהנמאַכט, —
דערמאָנט זיך אין טויט-שמערץ, אין קברים,
ווי לעבענס פערוועלקען, אָהן שכל, אינהאַלט,
ווי שוצלאָז מיר זענען, ווי אָרים!...

מיכל קאַפּלאַן

צוליעב מורא פאַר קלעפּ, ענטלאָפען אין מיטען א סדר-נאַכט צוליב אַן'אָנפאַל מצד א געטרייען לעזער, וועלכען ער האט אין דער צייטונג אָבגעשפּיגעלט, געשריבען גייסטרייכע ארטיקלען און פעליעטאָנען וועגען ברענגען אַן'אָרדנונג אויף דער וועלט, אַרומגעטראָגען זיך מיט פערשידענע פלענער וועגען העלפען נויטליידענדע און אונטערדריקטע, און זיך אליין נישט איבריג געקענט העלפען.

אזוי ווי היי-יאהר פאַלען אויס איינגע יובילעאום'ס, וועלכע זענען פערבינדען מיט'ן אויפבוי פון ארץ-ישראל, ווי דער 40 יעהריגער יובל פון ערשטען ציוניסטישען קאָנגרעס, דער 20-יעהריגער יובל פון דער באַלפור-דעקלאַראַציע, געפינען מיר פאַר אונזער הייליגען חוב אויפמערקזאם צו מאַכען אויף נאך א וויכטיגען יובל אין דער געשיכטע פון אויפלעבונג פון ארץ-ישראל און טאַקע אויף אַנ'אמת'ן יובל פון 50 יאהר, דהיינו: דעם נאָהנטען אסרו חג סוכות ווערט 50 יאהר זייט הקטן אברהמ'ל קאַץ האט מיט זיין פאָטער ר' אפרים פישל קאַץ פערלאָזט די ברעגעס פון ים הגדול און געפאָהרען צו אונז קיין פוילען ברענגען תורה און חכמה פון ציון.

זאָל די דאָזיגע היסטאָרישע דאַטע נישט געהן פערלוירען אין דער געשיכטע פון אויפבוי פון ארץ ישראל און אין דער געשיכטע פון יודישען טשענסטאכאוו. זאָל מקוים ווערען די תפלה, וועלכע מיר בעטען סוכות ביים דאַווענען „שמחה לארצך וששון לעירך".

י. ט.

אזא כאָר געשאַפען ווערען און נישט בלויז אויף די ימים טובים נאָר טאַקי אויף א גאַנץ יאהר, ווי דאס איז אין בענדין, סאָסנאָוויץ און אפילו אין זגיערזש. נאָר היות ווי די לאַגע אין דער היגער קהלה איז א קלאָגעדיגע, האט זיך געשאַפען אַ שוהל-קאָמיטעט, וואס וועט האבען די אויפגאַבע צו זאָרגען צוזאמען מיט דער קהלה וועגען כאָר און מיטהעלפען, אַז אזעלכער זאל קאָנען עקזיסטירען.

די איניציאַטיוו איז ווערט בעגריסט צו ווערען און מיר ווינשען איהר ערפאָלג.

צו זייער חוצפה נעמט נישט קיין גרעניץ.

עס איז שוין אזא טבע ביים מענשען, אַז דער אַפּעטיט קומט מיט'ן עסען. אויך אונזערע ענדעקעס קומט דער אַפּעטיט פון העצען נעגען יודען מיט'ן עסען.

פיהרען א העסליכע קאַמפּאַניע געגען יודען איז די ענדעקעס ערלויבט, נו, מילא, ווערען זיי וואס אַמאָל אַלץ גרעסערע מענשען-פרעסער.

זייער העסליכער ארבייט איז אונז, טשענסטאכאווער, שוין גוט בעקאַנט. מיר האבען עס געפיהלט אויף אונזערע אייגענע פּלייצעס און קעשענעס און ס'וועט נאָך לאַנג דויערן ביז מיר וועלען פריי אָבאָטעמען. דאס אָבער וואס ס'איז געשעהען אין יענע יוני-טעג איז פאַר די גיפט-מישער נאָך אַלץ ווייניג און זיי פיהרען ווייטער זייער רויב-צוג און ווילען ווייטער אָנציגדען א שרפה אויף די יודישע קעפּ.

די לעצטע זיצונג פון שטאדט-ראַט, וועלכע איז פאָרגעקומען דאָנערשטאג דעם 16-טען ד. ח. איז דורך די ענדעקישע פראַקציע אויסגענוצט געוואָרען אלס א האַוקריי געגען יודען און מיט אזוי פיעל חוצפה און געמיינהייט, אז דעם רוהיגסטען מענשען האט עס דענערווירט און אין מיטען בילען פון אזא ענדעקישען גדול, האט דער שטענדיג רוהיגער יודישער ראַטמאַן ה' וועקסלער הויך אויפ'ן קול אויסגעשריגען: אז זיי וועלען דאס נישט דערלעבען.

דער שטאדט-פּרעזידענט ה' שטשאַדראַווסקי, האט טאַקי נאָכדעם, ווי דער ענדעק האט אויסגערעדט זיין גאַנצע דרשה ערקלערט, אז די אַלע פּראָיעקטען וועגען יודען, וואס דער „מענשען-פריינד" האט פאָרגעלייגט, קענען נישט ווערען בעטראַכט, ווייל זיי זענען געגען דער קאָנסטיטוציע. עס איז אָבער נישט צו פערשטעהן פאַר וואס האַלטען העצערישע רעד; עס געגען א טייל פון דער שטאָדטישער בעפעלקערונג ווערט יאָ ערלויבט, צי שטימט דאס יאָ מיט דער קאָנסטיטוציע? און נאָך מעהר וואונדער איז, וואס די פ.פ.ס.'ישע פראַקציע, וועלכע האט כלומר'שט פּראָקלאַמירט דעם פּראָפּאַגאַנדע-חודש אין קאַמף מיט'ן אַנטיסעמיטיזם, פאַרוואָס האט זי געשוויגען, פאַרוואָס האט זי מיט קיין איין וואָרט נישט רעאַגירט אויף דעם מיסט-קאַסטען פון די ענדעקעס. נאָר גאַרנישט, זוך די היינטיגע צייטען יושר, ווען עס האנדעלט זיך וועגען יודען.

מיר שטרייכען אָבער אונטער, אז די ענדעקעס פיהרען זייער מיאוס שטיקעל ארבייט וואס אַמאָל אַלץ מעהר האָפערדיגער אזוי אז צו זייער חוצפה איז שוין נישטאָ קיין גרעניץ.

מיר קאָנען קיין עולות נישט פערליידען...

דאס נייע מאַנופאַקטור-געשעפט אַלעע 14 האט ארויסגעשיקט איינלאַדונגס-בריוו צו פיעל טשענסטאכאווער בירגער. דאס זיי זאָלען בעזוכען דאס ניי-געעפענטע געשעפט, צווישען אנדערע מעגליך על פּי טעות—אויך צו עטליכע יודישע יודען.

אין דער איינלאַדונג דערצעהלט דער נייער סוחר, אז ער האט געעפענט א נייע ריין קריסטליכע פלאַצובקע און עס איז א מצות עשה איהם אונטערצושטיצען.

וואס צו דעם וועט זאגען מישקעוויטש פון דער פּילסודסקי ווייס איך נישט. יעדענפאַלס קיין גרויסע הנאה וועט עס איהם נישט טהון. אָבער אונז געהט עס נישט אָן, איך און מסתמא נאָך אַזעלכע יודען, וועלכע האָבען בעקומען די איינלאַדונגען ענטפערען עפענטליך דעם ה' וואַיטשעכאָווסקי, אז מיר האבען די איינלאַדונגען דערהאַלטען און וועגען דעם צו מיר וועלען קומען קויפען מוזען מיר אייך זאגען דעם אמת, אז ליידער ביי אונזער בעסטען ווילען, קאָנען מיר אייער ווילען נישט נאָכקומען. גאָר פּשוט דערפאַר, ווייל מיר האַלטען, אז איהר מאַכט א קאָנקורענץ דעם ה' מישקעוויטש און דאס איז אַנ'עולה און ווי אייך איז בעוואוסט קאָנען מיר יודען קיין עולות נישט פערליידען...

זיי האָבען נישט באָיקאָטירט..

קינדער, עס איז נאָך נישט אזוי שלעכט מיט אונז. מעג די „א. ב. צ." שרייען מיט בענומענע קולות, אַז מען זאָל אויסמיידען דעם יודען, מעג דער „גאָניעץ" דעמאַסקירען די יודישע פירמעס, וועלכע בעהאַלטען זיך אונטער פערשידענע נעמען פון דער הפטורה. די אַלע רייד און דאס האווקען העלפט ווי א טויטען באַנקעס, די קריסטען באָיקאָטירען אונז נישט, פערקעהרט, זיי העלפען אונז נאָך צו אין אונזערע ריין יודישע ענינים.

ווילט איהר מיר נישט גלויבען אויפ'ן וואָרט, וועל איך אייך ברענגען פאַקטען:

אַט האבען מיר היינט סוכות אויף דער וועלט. טאָ קומט מיט מיר פון הויף צו הויף איהר זעהט דעם סכך, וואס ליגט אויף די סכות. טאָ זייט וויסען, אז דעם גאַנצען סכך האבען אונז צוגעפיהרט פון וואַלד סאַמע קריסטען. איהר הערט, עס האט נישט געהאָלפען די גאַנצע אַגיטאַציע וועגען באָיקאָט, זיי, די דאָרפישע פויערים, ווי אויך שטאָדטישע קריסטען, זעהענדיג, אַז ס'איז שוין ערב סכות און יודען וועלען נישט האבען קיין סכך, און דאס קאן גורם זיין גרויס עגמת-נפש דער יודישער בעפעלקערונג, האבען זיי איינגעשפּאַנט פערד און וואָגען און היידאַ אין וואַלד אריין נאָך סכך.

דאס, וואס א סך פויערים, האבען ערשט געבראַכט דעם סכך אין שטאָדט אריין מאָנטאג דעם ערשטען טאָג סכות און זאָגאר אויך דעם צווייטען טאג סכות, דאס איז גאָרנישט, מילא, האָבען זיי א טעות געהאט, האט מען זיי שלעכט אינפאָרמירט, די כונה איז דאָך אָבער געווען א גוטע, זיי האבען דאָך געוואָלט מהנה זיין יודען מיט סכך.

אויך וועל איך אייך ווייזען, אז א סך סכות זענען צוזאַמענגעקלאַפּט געוואָרען דורך נישט יודען. אַט זעהט איהר די סכה אויף בערעק יאַסעלעוויטש 8, אין וועלכער עס זיצען סאַמע שמן זית זך, אַט דאָס האבען זיי אויפגעשטעלט. קוקט נישט אויף יענער סכה, וואס שטעהט דאָרט אין דער זייט, יענע סכה האבען יודען אליין אויפגעשטעלט און די ח"ה ב. און וו. האָבען געפסקנט, אַז זי איז פּסול...

קומט ווייטער, וועל איך אייך ווייזען, אז אָט א סך, אפשר הונדערטער סכות אין אונזער שטאָדט, זענען אויפגעשטעלט געוואָרען דורך קריסטען און אויך דער סכך, וואס ליגט אויף די סכות האבען מיר נאָר צו פערדאַנקען דער איידעלקייט דער איידעלקייט און חסד, וואס די נישט יודען האבען צו אונז ארויסגעוויזען.

הא, וואס זאָגט איהר? אז סיי פאַר'ן סכך און סיי פאַר'ן העלפען אויפשטעלען די סכות האבען זיי גענומען בעצאָהלט מיט געלד און ווי געלד איז אינמיטען, טאָ ווערען פערשוואונדען אַלע נאַציאָנאַלע רייבונגען, ראַסען-האַס א. א. וו. א. א. וו. מעגליך, אַז איהר האָט רעכט, איך קאן מיך אָבער נישט אויף פילאָזאָפישע בעטראַכטונגען און שטעל נאָר פעסט אַ פאַקט, אַז ס'איז נאָך נישט אזוי שלעכט מיט אונז, זיי האבען אונז נישט באָיקאָטירט...

לויתן

כוליגאנישער ... פון דאראזש-קאזש נומער 63.

מאנטאג, דעם ערשטען טאג יום-טוב אין אָוונט ווען ה' צדוק וועלטמאן, 68 יאָהר אַלט, איז אהיימגעגאנגען פון דער שטאָדט-שוהל, איז אדורכגעפאָהרען דער דאראָזשקע נומער 63 און מיט דער בייטש גענומען שלאָגען וועלט-מאַנ'ען איבער'ן פנים אזוי, אז ביים בעפאלענעם א צובראָכען געוואָרען דער ביין פון דער נאָז און אין איין אויג מאַכט זיך אָפּ.

ה' וועלטמאן געפינט זיך אין א שווערען צושטאנד און ווערט קורירט פון דאָקטוירים.

פון פרויען פעראיין „עזרה".

די פערוואַלטונג פון פרויען-פעראיין „עזרה" איז מודיע, אז פון דער גאַסען-זאַמלונג דעם 22 ד.ח. איז איינגעפלאָסען 150 זלאָטעס.

ביי דער געלעגענהייט דריקט אויס די פערוואלטונג ... פערזאָנען און אָר-גאניזאציעס, וואָס האבען מיטגעארבייט און זיך בעטייליגט לטובת דער אַקציע דעם ווארימסטען דאַנק.

ס'ווערט געזוכט

א סקלעפּאַוועץ

אין דער כעמישער וועשעריי „קרישטאַל" יאסעלעוויטשאַ 2.

די יום-טוב-אַקציע פון „בית-לחם".

אויף די ערשטע טעג יום-טוב, האט דער „בית-לחם" פערטיילט פראָדוקטען פאר אנ'ערך דריי הונדערט יודישע בכבוד'ע פאמיליעס פון אונזער שטאָדט. די פעקלעך האָבען ענטהאלטען: מעהל, צוקער, רייז א.א.בּאַבעלעך.

אבקלאַנגען פון די היגע געשעהע-נישען פאר'ן אַפּעלאַציע - געריכט.

אינ'ם ווארשאווער אַפּעלאַציע-געריכט זענען איינגעפאלען א רייהע אַפּעלאַציע-אַנקלאַגעס אין צוזאמענהאנג מיט די טראַגישע אַנטי-יודישע ארויסטרעטונגען אין טשענסטאָכאָוו נאכ'ן דערשיסען דעם טרעגער ...

צוו. אנד. איז איינגעפלאָסען אנ'-אַפּעלאַציע פון דער פערטיידיגונג פון ענדעק וולאדיסלאוו קאָשטעלאַן, וועלכער איז אַנגעקלאָגט געוואָרען פאר מאכען העצענדע און רופען צווישען המון. קאָשטעלאַן איז אין דער ערשטער אינ-סטאַנץ פער'משפט געוואָרען אויף 10 חדשים תפיסה פאר אויסרופען: „זאָל לעבען די נאַציאָנאַלע רעוואָלוציע"!

דער ווארשאווער „וו.י.פ.ט." אין טשענסטאָכאָוו.

די צווייטע טעג יום-טוב ווערט אין טשענסטאכאוו ... די ווארשאווער פעראייניגטע ... טרופּע און געבען א רייהע פארשטעלונגען אין זאָל פון „מכבי", קאַטעדראַלנע 13.

אין דער טרופּע בעטייליגען זיך די גוט בעקאנטע ארטיסטען: ל. ביאַלקאַ-וויטש, ה. באַלדסקי, ראַקאָוו, הערשקאָוויטש, נעג, רייקע בעזמאַן, ח. ביאַלקאָוויטש ... א. א.

עס ווערט ... וועלען נאך נישט געשפּילטע פּיעסען.

די טשענסטאָכאָווער טעאטער-ליבהאָבער, וועלכע האבען שוין א רייהע חדשים נישט געהערט קיין לעבעדיג יודיש וואָרט, אויסנוצען די גע-לעגענהייט אין צווייטע טעג יום-טוב בעזוכען די בעסט אינטערעסאנטע פארשטעלונגען ... האבען דעם אמת'ן ושמחת בחגיך.

די ערשטע ... א. נ. „לעבע-דיגע יתומים" ... זלאָטאַרעווסקי קומט פאר שבת 4 ...

בילעטען צו ... מען אין דרוקעריי פון ה' באָמ... 6 און שבת פון 10 פריה ביי ... קאסע.

א נייער לייטער פון דער שטאָדטי-שער טעכנישער אבטיילונג.

אויפ'ן פּלאַץ פון נאטשעלניק פון דער ... טעכנישער אָב-טיילונג איז ... געוואָרען אינזש. יאן סטאַניעוויץ, וועלכער האט ביז-איצט געארבייט אין פאָמערן.

דער ביז-איטיגער פערטרעטער פון נאטשעלניק פון דער שטאָדטישער טעכ-נישער אָבטיילונג אינזש. טשעסלאוו יאַניצקי איז ... געוואָרען אלס לייטער פון דער בוי-אינספּעקציע, וועל-כע איז צוליב זיין וויכטיגקייט געוואָ-רען אָבגעטיילט פון דער שטאָדטישער טעכנישער אָבטיילונג.

כוליגאנישע אַנפאַלען אויף יודען

בעת דעם זונטאָג'דיגען קאַטוילישען צוזאמענפאָהר.

זונטאג איז אין טשענסטאָכאָוו פאָר-געקומען א צוזאמענפאָר פון קאַטוילישע מענער פון גאַנץ פוילען אין דער צאָהל פון אנ'ערך 50 טויזענד פערזאָן.

דעם דאזיגען צוזאמענפאָהר האבען אויסגענוצט היימישע ווי אויך פרעמדע כוליגאַנעס, וועלכע האבען אין פערשי-דענע גאסען, ווי: קאַטעדראַלנע, אַלעע וואַלנאַשטשי, אַלטער מאַרק, ווארשאַווער און אנד. צושלאָגען דורכגעהענדע יודען, צווישען וועלכע ס'געפונען זיך עטליכע שווער פערוואונדעטע.

אין אָוונט, ערב סוכות, צווישען מנחה און מעריב, האבען אייניגע כולי-גאַנעס געפרובט פערטשעפען יודען ביי דער אַלטער שוהל. די אַנוועזענדע האבען זיך נישט געלאָזט פראָוואָצירען און פערטריבען די כוליגאַנעס.

מאַנטאַג—אַ זיצונג פון שטאָדט-ראַט

צוליב א רייהע פינאַנציעלע ענינים, וואס קענען נישט אָבגעלעגט ווערען, האט דער שטאָדט פרעזידענט צונויפגע-רופען אויף מאנטאג, 8.30 א זייגער אָוונד א זיצונג פון שטאָדט-ראַט.

דער טאָג-אָרדנונג זעהט פאר צו בעשטימען א הלואה פון 75 טויזענד זלאָטעס אויף אינוועסטיציע-צוועקען, 10 טויזענד זל. אויף צוצוגרייטען א פּלאַן צו פערבויען די שטאָדט א.א.וו.

אויסגעהאַקט דאס שוי-פענסטער אין געוועלב פון ה' זשאַגשינסקי.

מיטוואָך אָרום 7 אַ זייגער אָוונד האבען אומבעקאַנטע כוליגאַנעס אויס-געהאַקט אַ גרויס שוי-פענסטער אינ'ם געוועלב פון ה' י. זשאַגשינסקי, אַלעע 29.

יוסף דזובאָס ז"ל.

אין עלטער פון 83 יאהר איז די וואָך נפטר געוואָרען יוסף דזובאס ז"ל.

דער נפטר איז געווען איינער פון די בכבוד'סטע בעלי-בתים פון אונזער שטאדט.

אהערגעקומען איז ער קיין טשענ-סטאָכאָוו מיט עטליכע פינפציג יאהר צוריק און געגרינדעט דא די ערשטע יודישע זייף-פאבריק, בעקאנט א. נ. „דזובאָס און פישעל", אין וועלכער ס'זענען אגב געווען בעשעפטיגט בלויז יודישע ארבייטער.

דאס הויז דזובאס האט זיך אויסגע-צייכענט מיט פיעל צדקה ומעשים טובים.

אין 1912 איז יוסף דזובאס געוואָ-רען דאזאר און פערנומען דעם אַמט עטליכע יאהר פסדר, ווידמענדיג זיין פרייע צייט פאר כלל-אינטערעסען.

אויף דער עלטער איז ה' יוסף דזוּ-באָס אָוועק קיין ארץ ישראל, וואו ער האט געוואָלט פערברענגען זיינע לעצ-טע יאהרען. ליידער האט ער געמוזט צוריקקומען און פון דאַמאלס אָן האט ער א רעזיגנירטער זיך צוריקגעצויגען פון אלע געשעפטען און אויך פון גע-זעלשאַפטליכער ארבייט.

דער נפטר איז געווען זעהר בעליבט און געשעצט צווישען אלע יודישע קרייזען פון אונזער שטאדט.

דעם ארון האט מען אריינגעטראָגען אויפ'ן בית-המדרש הויף, וואו דער דיין ר' יוסף פראָקאָש האט געזאגט א פאָר וואַרימע ווערטער וועגען נפטר.

ר' יוסף דזובאָס'עס קבר געפינט זיך האַרט נעבען דעם אהל פון פּילצער רבי'ן זצ"ל. ת.נ.צ.ב.ה.

פאַרבעריי און כעמישע וועשעריי

„BENETA"

ב. יאַסעלעוויטשאַ 11

(געגענאיבער.דעם געוועלב פון דער קאָפּעלושארניע)

קראַגענס ווערען געוואשען מיט דויער-האַפטען שפּיגעל-גלאַנץ.

ספּעציאַליטעט:

1) אויפפרישען (פארבען) לעדערנע קורטקעס,
2) פארבען לויט מוסטערן,
3) דעטאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואשען אויפ'ן אָרט),
4) כעמישריינינגען און ...קאַפּעלושען,

צו דער יודישער בעפעלקערונג אין טשענסטאָכאָוו

צום גרעסטען בעדויערען זענען מיר געצוואונגען צו אַלאַרמירען דאס טשענסטאָכאָווער יודענטום פאר א דרינגענדער, אלגעמיינער הילפס-אַקציע, מיט'ן צוועק אָבצואוועטזען די עקזיסטענץ פון היגען יודישען שפיטאל, וואס שטעהט ממש ביים ראַנד פון אונטערגאַנג, צוליב דער קאַטאַסטראָפאַלער פינאַנסיעלער לאַגע, אין וועלכער עס געפינט זיך די אזוי לעבענס-וויכטיגע אינסטיטוציע.

די סיבות פון דעם העכסט-קריטישען פינאַנץ-צושטאנד זענען פאָלגענדע:

1) דאס אויפהערען, זינט 2 יאהר, מצד דער קראַנקען-קאַסע צו שיקען קראַנקע אין יודישען שפיטאָל;

2) די שטאַרק רעדוצירטע—ביז א מינימום—סובסידיעס פון מאַגיסטראַט;

3) דאס נישט-אויסצאהלען מצד דער קהלה די דורך איהר בעשטימטע סובסידיעס; (אויסער די איינקונפטען פון דער פערהעלטניסמעסיג-אומבעדיי-טענדען מצבות-אָבצאָהל).

4) די פערקלענערטע הכנסות פון מיטגליד-בייטראג, צוליב דער אל-געמיינער פעראָרימונג פון די היגע יודישע מאַסען;

5) די קאָנקורענץ פון א רייהע ניי-ענטשטאַנענע פריוואַטע הייל-אַנ-שטאַלטען אין אונזער שטאדט, וואו עס קורירען זיך די בעמיטעלטע שיכטען.

אַט די דאָזיגע אַלע פאַקטאָרען האבען פעראורזאכט דעם פערצוויי-פעלטען מצב, אין וועלכען עס געפינט זיך היינט-צו-טאג דאס יודישע שפי-טאָל, אזוי, אז עס האַלט איינפאַך, אָהן שום גוזמא, ביים שליסען זיך!

עס איז, דוכט זיך, גאַנץ איבעריג אויפצוקלערען די אונגעהויערע וויכ-טיגקייט און נויטווענדיגקייט פון דעם אזוי פאָפולערען הייל-אַנשטאַלט פאר דער היגער יודישער בעפעלקערונג, דאס שפיטאָל, וואס בעדינט די יודישע קראַנקע, סיי אָרים סיי רייך—אָהן אונטערשיד.

מיר האבען, דעריבער, בעשלאָסען צו ווענדען זיך מיט א .S. O. S-רוף צו דער טשענסטאכאווער יודישער בעפעלקערונג, אז יעדער איינער זאָל זיך בעשטייערען מיט אַנ'איינמאַליגע געלד-סומע לטובת דעם שפיטאָל.

צום דאזיגען צוועק ווערען ארויסגעלאָזט ספעציעלע בעשטייערונגס-קופּאָנען, אַנהויבענדיג פון 50 גראָשען פון א פערזאָן, אזוי אז אפילו דער אונפערמעגליכסטער זאָל האבען די מעגליכקייט צו בעטייליגען זיך אין דער דאָזיגער אונגעהויער-וויכטיגער און דרינגענדער זאך.

די קופּאָנען וועלען זיין אויסגעשריבען נאָמענטליך און די שפענדער וועלען ווערען רעגיסטרירט, אזוי אז מיר וועלען האבען א קאָנטראָל איבער די יעניגע בעגרעניצטע און ענגהארציגע מענשען, וואס האבען זיך — בייז-וויליג — אויסגעשלאָסען פון דער בעטייליגונג אין דער דאזיגער רעטונגס-אַקציע און זיי וועלען אזוי ארום אויטאָמאַטיש פערלירען יעדע רעכט צו גע-ניסען, ביי אַ נויט-פאַל, חס ושלום, פון דער מעדיציניש-כירורגישער שפיטאָל-הילף.

די טעג פון סכות ביז אַ מאָנאַט זענען בעשטימט געוואָרען צום אדורכפיהרען די דאָזיגע איינמאַליגע בעשטייערונגס-אַקציע.

אין דער פולער האָפנונג, אַז יעדער היגער יודישער בירגער און בירגערין וועט האבען די געהעריגע פערשטענדניש און פליכט-בעוואוסטזיין אַקעגענצוקומען מיט זאָפאָרטיגער הילף דעם פאר אלעמען נויטיגען אייגענעם שפיטאָל, וואס עגזיסטירט שוין איבער דרייסיג יאָהר און מיט איהר מוסטער-האַפטינקייט האט די אינסטיטוציע שוין בעוויזען זיך קונה שם צו זיין אויך אויסער די גרעניצען פון דער היגער שטאָדט—ווינשען מיר דעם גאנצען הי-גען יודישען צבור א גמר חתימה טובה.

די פערוואַלטונג און קוראַטאָריום פון יודישען שפיטאל אין טשענסטאָכאָוו.

די בעשטייערונגס און רעגיסטריר-קופּאָנען זענען צו בעקומען אויף פאָלגענדע שטעלען

1) אין דער קאַנצעלאַריע פון יודישען שפיטאָל (אויף זאוואָדזיע); 2) סוחרים-און פאַבריקאנטען-פעראיין (אַלעע וואַלנאַשטשי 3-5); 3) סוחרים-און פאַבריקאַנטען-באַנק (אַלעע 22); 4) באַנק ספּולדזיעלטשי (אַלעע 7); 5) באַנק קופּיעצקי (אַלעע 5); 6) ה' וועקסלער'ס קאָלעקטור-געשעפט, אַלעע 6.

היינט—דער פּראָצעס פאר דעמאָלי-רען דאָס בית-המדרש.

היינט פרייטאג 9 פריה קומט פאר אין קרייז-געריכט דער פּראָצעס פון א געוויסען סטעפאַן גלאָוואַצקי, 18 יאָהר אַלט, וועלכער ווערט בעשולדיגט, אַז דעם 21-טען יוני ד.י. האט ער צוזאמען מיט נאך אנדערע כוליגאַנעס דעמאָלירט דאָס שטאָדטישע בית-המדרש „אהל-נחום".

ה' שוויענצקי — לאַווניק.

דעם 20-טען ד. ח. איז אָבגעפלאָסען דער טערמין פון בעלעגען פּראָטעסטען געגען די דורכגעפיהרטע וואַהלען פון נייעם שטאָדטישען לאַווניק ה' וו. שוויענצקי. צוליב דעם, וואס קיין שום פּראָטעסט איז נישט איינגעפלאָסען — האט זיך בערעכטיגט דער וואַהל פון נייעם לאַווניק, וועלכער איז דעריבער אריין אין צוזאמענשטעל פון דער שטאָדט-פערוואַלטונג.

Znany Paryski
Zakład Krawiecki
„TRES CHIC"
M. Rozenblum
Częstochowa
N. Marii Panny 33
Telefon 11-87,
poleca na sezon jesienno-zimowy swoją wykwintną robotę, oraz najnowsze towary Krajowe i Angielskie.
Specjalność:
FUTRA MĘSKIE.
Dyp. Akad. Państ. Akad. Kroju i Szycia w Paryżu.

טעאַטער-נאָטיצען

„א פרוי פאַר אַלע" מיט אסתר פערעלמאַן אין דער הויפט-ראָל.

א שעהן, אָרים, אַרבייטסזאַם מיי-דעל, מיט'ן נאמען בעלא, ארבייט אלס פלעגע-שוועסטער אין דער פריוואַט-קליניק פון ד"ר שוואַרץ. אין דער דאָ-זיגער קליניק ליגט א קראַנקער מאַרק סימאָן, א לייכטזיניגער, צובאַלעוועט-טער יונגערמאַן, א זוהנדעל פון רייכע עלטערן. בעלא פלעגט איהם טאג און נאַכט און א דאַנק איהר איבערגעבענ-הייט ווערט ער שנעל צוריק געזונד. פון דער פלעגע ענטוויקעלט זיך ביי זיי א הייסע ליעבע, זי ליבט איהם שטאַרק, גיט זיך איהם איבער מיט'ן גאַנצען אייפער פון איהר יונגען, שעה-נעם קערפער און ער שווערט איהר אייביגע, טרייע ליעבע ביז—ביז זיינע רייכע עלטערן ווערען דערפון גע-וואויר און ערלויבען איהם מעהר נישט צו זעהען זיך מיט איהר און ער שיקט איהר טאַקי גלייך א דעפּעשע, אז צווישען זיי איז אַלץ געענדיגט.

דאס איז געווען איהר ערשטע ענ-טוישונג,

די פרוכט פון איהר גרויסע ליעבע, וואס בעלא האט געטראגען אין זיך, האט זי בעשלאָסען צו ברענגען אויף דער וועלט, ווייטער קעמפען אין לע-בען.

דאָקטאָר שוואַרץ, וועמענס פרוי ס'האט איהם פערראַטען און פון איהם ענטלאָפען, האט זיך פערליבט אין זיין מיטאַרבייטערין, בעלאַ, וועלכע איז פאַר איהם געוואָרען א געליבטע, א פריינד, א חבר—אַלץ אין דער וועלט. ווען נישט בעלא, וועלכע האט איהם צוריקגעגעבען אַנ'אינהאַלט, א זין פאַר'ן לעבען, וועלכע איז פאַר איהם געווען ווי באַלזאַם פאַר זיין צעוויי-טאָגטער נשמה—וואָלט ער זיך שוין לאַנג געהאט צוזאמענגעבראָכען פון די איבערלעבענישען. נאָר איהר דער דאָזיגער צאַרטער נשמה, דעם דאָזיגען גאָלדען האַרץ, האט ער צו פערדאַנקען, וואס ער איז ווייטער פערבליבען מענש און דאָקטאָר.

אָבער בעלא'ס גליק דויערט נאָר איינציגע יאהר. גלייך ווי דעם דאָק-טאָר'ס ערשטער פרוי שיקט איהם א בריוועלע, אז זי קומט צוריק, האט ער גלייך אין אַלעם פערגעסען און בעלא'ן ערקלערט ער, אז נישט בלויז, וואס צווישען זיי איז אַלץ געענדיגט, נאָר זי מוז אויך אַלס פלעגע-שוועסטער פערלאָזען די קליניק, ווייל—ווייל אזוי פערלאַנגט זיין ערשטע פרוי און ער קען איהר נישט אָבזאָגען...

בעלאַ לעבט איבער דעם צווייטען שרעקליכען קלאַפּ, די צווייטע ליעבע-ענטוישונג.

זי איז זיך נוקם אין אלע מענער, אין דער גאַנצער וועלט און ווערט א סאַלאָן-דאַמע, א „פרוי פאַר אַלע".

בעלאַ איז זעהר שעהן און יונג. זי האט ביי אלע מענער, יונג און אַלט, גרויס ערפאָלג. אלע זענען אין איהר פערליבט, אָבער זי פיהרט זיי אַלעמען ביי דער נאָז, זי לאַכט זיך פון אלע אויס. בלויז מיט איינעם, א זעהר יונגעטשקען בחור, האט זי בעשלאָסען „חתונה" צו האבען, כדי דערמיט אָנ-טאָהן א שפּיצעל זיין רייכען פאָטער, וועלכער וועט זיכער נישט מסכים זיין דערצו. בעלא איז שוין איצט ראַפי-נירט, זי ווייס ווי אזוי די מענער צו פאַנגען. זי שיכור'ט אָן דעם יונגען בחור און אין א בגילופינדען צושטאנד הויבט ער אָן אויספלאַפּלען וועגען ער איז אין אמת'ן. ווייזט זיך גאָר ארויס, אַז ער איז נישט קיין אנדערער, ווי בעלא'ס אייגענער זוהן פון דער ערש-טער ליעבע, וועמען זי האט קליינער-הייט אוועקגעגעבען צו ערציהען און די גאַנצע צייט פון איהם נישט גע-וואוסט. מאַמע און זוהן האבען זיך איצט צוזאמענגעטראָפען אין אזא סי-טואַציע. ער בענעהרט זי מיט אלע ליידענשאַפטען, זי זעהט די טראגיש-קייט פון דער לאגע, און — זאגט איהם אויס דעם גאַנצען ביטערען אמת ווער זי איז...

לויט'ן נוסח איז אויך דא א גוטער „העפּפי-ענד". עס יאַוועט זיך צופעליג דער פאָטער, בעלא'ס ערשטער געליב-טער, זיי זענען זיך געגענזייטיג מוחל די בעגאַנגענע עוולות און זינד. ער דערציהלט דעם זוהן די גאַנצע גע-שיכטע און ער פאַלט אין די אָרעמס פון דער מוטער אַ גליקליכער, אַזוי פרי-

דענער...

דאָס איז אין קורצען דער ספּור-המעשה פון דער פּיעסע, וועלכע פער-מאָגט אין זיך אלע עלעמענטען פון אַ גוטער מעלאָדראַמע מיט פיין-צוגעטראַכ-טע סצענעס, נעמט שטאַרק אויס ביים עולם און ווערט געשפּילט מיט ער-פאָלג.

• • •

אסתר פערלמאָן איז צום ערשטען מאל געווען אין טשענסטאָכאָוו. מען מוז זאגען דעם אמת, אז זי איז א בע-גאַבטע קינסטלערין פון א הויכער מדרגה, וועלכע טיילט זיך אויס פון אלע אנדערע מעלאָדראַמאַטישע שוי-שפּילערינס. און נישט בלויז אין דער מעלאָדראַמע, נאר גאַנץ זיכער וואָלט זי פערנומען א חשוב'ן פּלאַץ אין בע-סערן קינסטלערישען טעאַטער. רעדט א שעהנעם זאַפטיגען יודיש, האט אזא קלינגענדע שטימע, וואס הערט זיך אנגענעהם. זי איז געווען אויסגעצייי-כענט אין אלע דריי אַקטען אין פער-שידענע ראָלען. זי איז געווען לייכט, שוועבענד, אלס נאַאיווו מיידעל; זי איז געווען גוט אלס ערנסטע פרוי; ערשט-קלאַסיג אלס קורטיזאַנע און דאַן אלס מוטער. די סוף-סצענע איז געשפּילט געוואָרען מיט א סך געפיהל און אי-בערצייגונג, וואס האט גערירט און געמאַכט וויינען פיעל פרויען.

אברהם קורץ, דער דאָזיגער אינטע-ליגענטער אַרטיסט, איז אין ערשטען אַקט געווען אַביסעל נישט מיט זיך. מיר זענען געוואוינט איהם צו זעהען אין אנדערע ראָלען. אָבער אין די ווייטערדיגע אַקטען האט ער זיך ווי-דער צוריק געפונען אויפ'ן אָרט און געשפּרודעלט מיט זיין נאַטירליכען הו-מאָר און נישט-געמאַכטקייט.

פרוי גאַרבאַזש, אלס מוטער, האט זעהר גוט געשפּילט. דיסקרעט, שטיל, האט זי אַרויסגעבראַכט דאס, וואס זי האט געדאַרפט. יצחק אינוועטאַאַזש אַלס דאָקטאָר איז געווען אַביסעל בלאס, ער האט וויינעג איבערצייגט. פרוי ליבגאָלד אַלס פּראָווינצער יודענע, האט איהר כאַראַקטער-ראָל פּאַרוואורפּלאָז אַהערגעשטעלט. אין די דאָזיגע ראָלען איז זי קאָנקורענצלאָז. שמחה ווייני-טרויב, אלס בעלא'ס פאָטער, האט שאַ-קירט מיט זיין צו-הויך שרייען און שעלטען זיך. דאס זעלבע האט גע-קענט געטהון ווערען פיעל סובטעלער און ס'וואָלט זיכער בעסער ארויסגע-קומען. די איבריגע, ווי: פרל. מצל, יעקב גרינשפּאַן, דוד האַרט, בערטאַ, יאַקימאָווסקאַ א. אנד. זענען געווען אויפ'ן אָרט און צוגעהאָלפען דעם ער-פאָלג פון דער פּיעסע.

מ. קויפמאַן

90 טויזענד זלאָטעס אויף עפענט-ליכע אַרבייטען.

דער אַרבייטס-פאָנד האט איבערגע-שיקט דעם מאַגיסטראַט 90 טויזענד זל. אלס ראַטע פאר'ן חודש ווזשעשען אויף צו ברוקירען גאַסען אין שטאָדט און צו רעגולירען די ברעגעס פון טייך קוצעלינקאַ.

נדבות פאַר דער געז. „תומכי עניים".

די פערוואַלטונג און דער קאָמיטעט פון דער געזעלשאַפט „תומכי עניים" שפענדעט צו דער יאהרצייט פון פער-שטאָרבענעם ר' עמנואל ז"ל ווייצענ-בלאַט גרינדער פון דער אינסטיטוציע 40 קילאָ ברויט.

ה' יואב ווייצענבלאַט צו דער יאהר-צייט פון זיין מוטער און פאָטער 9 קילאָ ברויט.

ה' נ. ד. וואָזשניצא צו דער יאהר-צייט פון זיין זוהן 5 קילאָ ברויט.

ה' מאיר קאָרנבראַט צו דער יאָהר-צייט פון זיין מוטער 5 קילאָ ברויט.

ה' איטשע מיטץ און פרוי צו דער יאהרצייט פון זייער טאָכטער 10 קילאָ ברויט.

ה' אברהם באָרזיקאָווסקי און פרוי צו דער חתונה פון פרל. גאָטיינער מיט ה' ראָטשילד 10 קילאָ ברויט.

פרייַ לובלינג אנשטאט א טעלעגראַ-מע צו דער חתונה פון פרל. גאָטיינער מיט ה' ראָטשילד 1 זל.

ה' ישעי' שונדער 5 קילאָ ברויט.

פאַר'ן יודישען שפּיטאָל.

ה' מ. ש. נאכ'ן צוריקקומען פון מיליטער 2 זל.

פון דער שטאָדט=ראַט=זיצונג

העסליכער אַנטי-יודישער ארויסטריט פון ענדעקישען ראַטמאַן סטודניצקי

דעם 16 טען ד. ח. איז פאָרגעקומען, אונטער'ן פאָרזיץ פון פרעזידענט שטשאַדראָווסקי, א זיצונג פון שטאָדט-ראַט. אויף דער דאָזיגער זיצונג, אלס ערשטע נאָך די זומער-פעריען, זענען די ראַטמענער קודם כל צוגעטרעטען אויסצוּוועהלען א נייעם לאָווניק אויפ'ן אָרט פון פערשטאָרבענעם לאָווניק יאַזשעמבינסקי.

אלס פאָרזיצענדען פון דער וואָהל-זיצונג האט פרעזידענט שטשאַדראָווסקי פאָרגעשלאגען דעם סענאַטאָר זביערסקי, וועלכער האט דאן איינגעלאדען אלס ביי-זיצער די ראַטמענער: מאַגנוסקי פון ווירטשאַפטליכען בלאָק און דאָמבראָווסקי פון פ.פ.ס.

עס זענען אַריינגעטראָגען געוואָרען צוויי קאַנדידאַטוּרען: דער ווירטשאַפטליכער בלאָק האט פאָרגעשלאָגען די קאַנדידאַטור פון ה' שוויענצקי, די ענדעקעס די קאַנדידאַטור פון זייער ראַטמאַן סטודניצקי. סטודניצקי'ס קאַנדידאַטור ווערט אָבער דורכ'ן פאָרזיצענדען אנערקענט אלס אונגילטיג, ווייל זי האט נישט געהאט די געהעריגע צאָהל אונטערשריפטען און דאן טרעט מען צו צו די וואָהלען.

עס זענען אָנוועזענד 41 ראַטמענער, וועלכע גיבען אָב צעטלען און מיט א מעהרהייט פון 29 שטימען (בע בע, פ.פ.ס. און יודען) ווערט געוועהלט אלט לאָווניק ה' שוויענצקי.

נאכ'ן אדורכפיהרען די וואָהלען ווערט די זיצונג פאָרטגעזעצט אונטער'ן פאָרזיץ פון שטאָדט - פרעזידענט שטשאַדראָווסקי. נאָך פאר'ן צוטרעטען צו דער טאָג אָרדנונג טראָגט-אריין ראַטמאַן סטודניצקי, אין נאָמען פון די ענדעקעס, א דרינגענדען פאָרשלאָג וועגען בעשטימען אנ'אונטערשטיצונג פאר די שטרייקענדע אַרבייטער פון אַלטמאַנ'ס פאַבריק. סטודניצקי האלט דערביי א גיפטיגע אַנטיסעמיטישע רעדע, אין וועלכער ער וואַרפט די געמיינסטע בלבולים אויף יודען. רעדענדיג וועגען דעם שטרייק אין אַלטמאַנ'ס פאַבריק, וואו עס שטרייקען 250 אַרבייטער זינט 9 וואָכען, גיט ער איבער, אז דער יודישער פאַבריקאַנט דערווייטערט פוילישע אַרבייטער, כדי אויף זייער אָרט צוצונעמען יודישע און ער שטעלט א פאָרשלאָג, אז דער שטאָדט ראַט זאָל בעשטימען א איינמאָליגע אונטערשטיצונג 1.000 זלאָטעס פאר די פאמיליעס פון די שטרייקענדע, וועלכע זאָלען חוץ דעם הערען געשטיצט דורך דער שטאָדט מיט פּראָדוקטען. צום סוף פערלאנגט ער נאָך, אז דער שטאָדט-ראַט זאָל זיך ווענדען מיט אַנ'אפּעל צו דער בעפעלקערונג וועגען שטיצע פאר די פוילישע אַרבייטער, וואס ווערען אונטערדריקט דורך דעם יודישען פאַבריקאַנט.

סטודניצקי'ן ענטפערט פרעזידענט שטשאַדראָווסקי, וועלכער ערקלערט, אַז ער קען דעם פאָרשלאג נישט שטעלען צום אָבשטימונג, ווייל דער בעריהרטער ענין געהערט נישט צו דער קאָמפּעטענץ פון שטאָדט-ראַט.

עס ווערט דאן אריינגעטראָגען א צווייטער דרינגענדער פאָרשלאָג דורך דעם ענדעקישען ראַטמאַן קולעי, וועלכער בעריהרט די לעצטע פערפאָלגונגען געגען פּאָלאַקען אין דייטשלאַנד און דאַנציג, און שלאָגט פאָר, אז דער שטאָדט-ראַט זאָל זיך ווענדען צו די געהעריגע פאַקטאָרען וועגען אננעמען פאָלגענדע רעפּרעסיע - מיטלען געגען דייטשען, וואס וואוינען אין פוילען:

1) ס'זאָלען אויפגעלעזט ווערען אלע דייטשע אָרגאַניזאַציעס אין פוילען;

2) דייטשע צייטונגען זאָל פערהאָלטען ווערען אין פוילען. דער אויפלאַג פון די יעניגע דייטשע צייטונגען, וואס געהען ארויס אין פוילען, זאָל פערקלענערט ווערען;

3) פערקלענערען די צאָהל דייטשע שולען אין פוילען;

דער דאָזיגער פאָרשלאג ווערט אָנגענומען.

ראַטמאַן סטודניצקי טראָגט דאן אריין נאָך א דרינגענדען פאָרשלאג פון ענדעקישען קלוב וועגען בעזייטיגען יודען פון טשענסטאָכאָוו. סטודניצקי שיט ווידער פעך און שוועבעל אויף יודען; ער רעכענט אויס א גאנצען צעטעל חטאים, אָנהויבענדיג פון קאָמוניזם, פערשפרייטען פּאָרנאָגראַפישע צייטשריפטען און ענדיגענדיג אויף פּאָטעריי, שמוגעל און אָבשפּעטען פון די פּילגרימען, וואס געהען צו דער יאַסנאַ גוראַ. א. א. וו. סטודניצקי פעררופט זיך דאן אויף אַנ'אַלט געזעץ, לויט וועלכען יודען האָבען נישט געטאָרט וואוינען אין קרייז פון 2 מייל פון טשענסטאָכאָוו און פערלאַנגט דאס געזעץ צוריקצושטעלען. סטודניצקי האט אָבער נאָך אנדערע אַרגומענטען: טשענסטאָכאָוו ליגט אין גרעניץ-פּאַס און דעריבער טאָר מען נישט, צוליב זיכערהייטס-טעמים פון דער מלוכה, לאָזען וואוינען יודען אין טשענסטאָכאָוו.

צום סוף שילדערט סטודניצקי דאס בילד פון ענטיודישען טשענסטאָכאָוו, ווי וואויל ס'וועט דאן זיין „דאס פּראָבלעם פון אַרבייטסלאָזיגקייט וועט זיין געלעזט, דער האַנדעל און אינדוסטריע וועט בליהען און די זיכערהייט פון דער מלוכה וועט פערפעסטיגט ווערען".

עס נעמט דאַן א וואָרט דר. בראַם, וועלכער ווענדעט זיך צום פרעזידענט שטשאַדראָווסקי הלמאי ער לאָזט לייענען אזעלכע אונערהערטע פאָרשלאָגען און דערלאָזט צו די נידערטרעכטיגע ענדעקישע פּראָוואָקאַציעס.

פרעזידענט שטשאַדראָווסקי ערקלערט, אַז דער פאָרשלאָג איז געגען דער קאָנסטיטוציע און ער קען דעריבער איהם נישט לאָזען אָבשטימען.

פרעזידענט שטשאַדראָווסקי גיט דאן אָב א בעריכט פון דער טעטיגקייט פון מאַגיסטראַט פון די לעצטע חדשים און גיט איבער וועגען די קאָמיסיעס, וואס זענען בעשטימט געוואָרען, איינע צו ערלעדיגען א רייה ענינים מיט דער עלעקטראָווניע און די צווייטע, וואס דאַרף אָדורכשטודירען דעם ענין פון איבערנעמען דורך דער שטאָדט דאס שעכט-הויז.

עס ווערט דאָן בעשלאָסען צו נעמען דריי הלוואות: 43.900 זלאָטעס און 96 100 זלאָטעס אין אַרבייטס פאָנד, כדי אדורכצופיהרען קאָנאַליזאַציע ארבייטען און 70 טויזענד זלאָטעס פון קאָמונאַלען הלוואה-פאָנד אויף צו בעצאָהלען די ראַטעס לויט'ן בודזשעט.

עס ווערט נאָך בעהאנדעלט דער ענין פון זאַוואַדאַ'ס קאַשאַרען, וועלכע ברענגען דער שטאָדט גישט קיין שום הכנסה, ווייל דאס פּאַכט-געלד ווערט פערנוצט אויף רעמאָנטען. דער ב.פ.פ.ס.-קלוב שטעלט דעריבער א פאָרשלאג צו שענקען די קאַשארען דעם מיליטער מיט'ן בעדינג, אז די שטאָדט זאָל בעקומען פון מלוכה-אוצר אנ'אנדערן פּלאַץ אין שטאָדט. דער ענדעקישער ראַטמאַן זאַרזשעצקי איבערליציטירט דעם ב.פ.פ.ס. פאַרשלאג און שלאָגט פאָר צו שענקען די קאַשארען דעם מיליטער אָהן שום געגען בעלוינונג. ביידע פאָרשלאגען ווערען דאן איבערגעגעבען דער פינאַנץ-בודזשעט קאָמיסיע צום גענויען אדורכשטודירען.

צום סוף זענען בעשטימט געוואָרען די דיעטעס פאר לאָווניקעס, ראַטמענער און דעלעגאַציעס, ווען זיי וועלען דאַרפען ארויספאָהרען אין אַמטליכע ענינים. די דאָזיגע דיעטעס וועלען בעטרעפען 15 זלאָטעס א מעת לעת און באַהן-בילעטען 2 טע קלאַס מיט א געוועהנליכען צוג.

ליקווידירט דער שטרייק אין אַלטמאַנ'ס פאַבריק.

דער שטרייק אין אַלטמאַנ'ס פאַבריק, וואס דויערט שוין אנ'ערך 9 וואָכען איז שוין פולשטענדיג ליקווידירט. א הוספה פון 12 פּראָצ. בעקומען די אַרבייטער, וואס פערדינען 3,50 טעגליך און 8 פּראָצ. פאר די אַרבייטער פון די העכערע צאָהלונגס קאַטעגאָריעס מיט'ן בעדינג, אז אין מערץ ק. י. וועט די ערשטע קאַטעגאָריע בעקומען נייע 15 פּראָצ. און 10 פּראָצ.—די צווייטע גרופּע.

דעם 26-טען פּאָזשדזיערניק - פּענדראַק'ס אַפּעלאַציע = פּראָצעס

ווי בעוואוסט, איז אויפ'ן 26-טען פּאָזשדזיערניק בעשטימט געוואָרען אינ'ם אַפּעלאַציע-געריכט אין ווארשא דער פּראָצעס פון יאָסל פּענדראַק, וואס איז אין דער ערשטער אינסטאַנץ פער'משפט געוואָרען אויף אייביגע תפיסה פאר דערשיסען דעם טרעגער באַראַן אין טשענסטאָכאָוו און וואס ס'האט דערנאָך דערפיהרט צו די טראַגישע בלוטיגע ארויסטרעטונגען געגען יודען.

אינ'ם אַפּעלאַציע-פּראָצעס וועט-אויסער די אַדוואָקאַטען האַניגוויל און דאָמבראָווסקי, וועלכע האָבען פערטיידיגט פּענדראַק'ן אין דער ערשטער אינסטאַנץ — אויך ארויסטרעטען דער בעקאַנטער אַדוואָקאַט לעאָן בערענסאָן.

שווידערליכער זעלבסטמאָרד פון א פּילגרימער

טויט = שפּרונג פון קלויסטער = טורם

דינסטאַג, ארום 12 א זייגער מיטאָג איז א יונגער קריסט ארויף אויפ'ן בוידעם פון קלויסטער-טורם און פּלוצים זיך אריבערגעבויגען איבער דעם באַלקאָן אין דער הויך פון 100 מעטער, פאַלענדיג אויפ'ן דאַך פון דער דערנעבענדיגער קירכע. דער קערפּער האט צוליב דער גרויסער קראַפט ביים פאַלען אדורכגעלעכערט דעם דאַך און געבליבען ליגען אויפ'ן בוידעם. דער טויט איז געקומען מאָמענטאַל.

דער זעלבסטמערדער האט זיך ארויסגעוויזען אלס דער 35 יעהריגער סטאַניסלאַוו קאַניאַרסקי פון לאָדז, פּאָדשעטשנאַ 25. געקומען איז ער קיין טשענסטאָכאָוו מיט 2 טאָג פריהער.

וועגען די זעלבסטמאָרד שריט בעווייזט דער פאַקט, וואס דינסטאַג אין דער פריה האט קאַניאַרסקי ארויסגעשיקט צו זיין מוטער קיין לאָדז 40 זל., איבערלאָזענדיג זיך בלויז 5 זל., וועלכע זענען טאקי געפונען געוואָרען אין זיין טאַש.

אויסטערלישע האַנדלונג פון דער וויערוּשאָווער פּאָליציי

צושטערט דעם יום - טוב ביי די דאָרטיגע יודען

זונטאַג, ערב יום-טוב, איז אראָבגעקומען קיין וויעלון א דעלעגאַט פון וויערושאָוו, דער בעקער ליפּמאַן איצעק, אינטערוועניר׳ען וועגען דער אויסטערלישער האנדלונג פון דאָרטיגען פּאָליציי-קאָמענדאַנט.

דער דעלעגאַט האט אין דער קהלה דערצעהלט פאָלגענדעס:

זונטאַג ערב יום טוב פּאַרטאָגס איז אין די יודישע בעקערייען פון יעקב פּרייז, שלום מאכיל איצקאָוויטש, יעקעל באַראָן, ישעי איצקאָוויטש, הירשל איצעק, ווי אויך צו דעם דעלעגאַט געקומען דער דאָרטיגער פּאָליציי-קאָמענדאַנט אין בעגלייטונג פון א פּאָליציאַנט און א סטרוזש און דאָרט, וואו ער האט אנגעטראָפען געבעקס אין רויהען צושטאנד, האט ער עס נישט געלאָזט אויסבאַקען, פערלעשענדיג דאס פייער אינ'ם אויוועען און דאָרט, וואו דאס געבעקס האט זיך שוין געבאַקען אין אויוועען — האט ער די אייוועען פערמאכט, וואָרטענדיג ביז דאס געבעקס וועט ווערען פולשטענדיג פערברענט אויף קויל.

עס האט נישט געהאָלפען דאס בעטען און וויינען, ער זאָל נישט פערניכטען דאס געבעקס אויף יום-טוב. זיי וועלען באַדיי בעצאָהלען געלד-שטראָף. דער קאָמענדאַנט האט אָבער געטהון דאס זייניגע.

דער שאָדען פון פערניכטעטען געבעקס בעטרעפט עטליכע הונדערט זלאָטעס. א סך יודען האָבען צוליב דעם געהאט א פערשטערטען יום טוב.

דער קהלה-פּרעזעס האט געראטען אָבצוגעבען א געמיינזאַמע אַנקלאַגע צום סטאַראָסטווא געגען דער האַנדלונג פון קאָמענדאַנט, אויף וואס ער האט נישט געהאט קיין רעכט.

בעגאָסען מיט בענזין און אונטערגעצינדען.

זונטאַג ווען דער מילך-יוד שלום פרעהליך פון וויערושאָוו איז געפאָהרען מיט זיין פערד און וואָגען צוריק פון זאַוויסנא, האָבען כוליגאַנעס בעגאָסען די פוהר מיט בענזין און אונטערגעצינדען.

עס איז פערברענט געוואָרען די פלאַכטע און א טייל פון וואָגען.

שטיצט די הילפס - אַקציע פון יודישען שפּיטאָל.

דאס היגע יודישע שפּיטאָל איז ווי ס'האט זיך עמיצער אויסגעדריקט, די קרוין פון אלע היגע יודישע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס און אָט די דאָזיגע אינסטיטוציע, וואס איז דער ליבלינג פון דער גאנצער היגער יודישער בעפעלקערונג לעבט איבער א מורא'דיגען קריזיס און עס איז א סכנה, אז זי זאָל נישט אונטערגעהן.

אויסערפענען אלע לייסטונגען, וואס דאס יודישע שפּיטאָל טראָגט פאר דער היגער יודישער אָרימער בעפעלקערונג וואלט פערנומען צופיעל פּלאַץ, איבעריגענס איז עס גאר נישט נויטיג, ווייל ווער ווייסט דען נישט, אז דאס יודישע שפּיטאָל, איז די צאַרטע מאַמע, וועלכע טוליעט צו זיך דעם קראַנקען און גיט איהם צוריק די מעגליכקייט צו ווערען געזונד און ווייטער קאָנען זיין אויף דער שענער ליכטיגער וועלט, איז דעריבער דער הייליגער חוב אויף אלע טשענסטאכאווער יודען סיי דאָ ביי אונז אין שטאָדט און סיי די טשענסטאָכאָווער, וועלכע געפונען'זיך אין אנדערע שטעדט שנעל צו איילענמיט[illegible] זייער שטיצע לטובת די הילפס-אַקציע פאר'ן יודישען שפּיטאָל.

פון דער טשענסטאָכאָווער אובעזפּיעטשאַלניע.

דעם 16 ד.ח. איז צוריקגעקומען פון זיין אָברוהע-אורלויב און ווידער איבערגענומען זיין אַמט דער דירעקטאָר פון דער טשענסטאָכאָווער אובעזפּיעטשאַלניע, אינזש. לוקאַש גלושטשאַק.

קלאָר
אין טראַפּען וואסער!

די אויסערגעוויעהנליכע שפּאָרעוודיגקייט פון „צערעס" איז א בעוויז. אז עס איז א אידעאַל - ריין פעטס „צערעס" איז ספּעציעל גוט צו באַקען און פּרעגלען פיש. דאס „100%-גע קאַקאָס-פעטס „צערעס" ווערט אויסגעאַרבייט אונטער דער השגחה פון הרב שמחה פרענקעל פון סקאַווינא און קען רעקאָמענדירט ווערען פאר אלע. נאָס היטען אָב כשרות.

כשר

Ceres איז נאַרהאַפט באַטירליך-ריין געזונט

ענטהאַלט 100% פעטס

Erdal pasta do obuwia
starczy na dłużej, jest więc tańsza.
Jej tajemnica: użyć jak najmniej pasty Erdal, ale polerować miękkim suknem, aż do lśniącego połysku.

Proszek od BÓLU GŁOWY
DLA DOROSŁYCH ZE ZN. FABR.

KOWALSKINA
stosuje się również
PRZY PRZEZIĘBIENIU GRYPIE i KATARZE

א טיכטיגע פּערקויפערין
בעקאַנט אין מאַנופאַקטור און מענער-גאַלאַנטעריע ווערט געזוכט.
צו ערקינדיגען ביי:
י. רוזאַנשינסקי, 2 אַלעע № 29

Kino „LUNA"
פון מאָנטאַג, דעם 20 ווּשעשען
גרויסער פוילישער פילם
ZNACHOR
דראַמע לויט דער הערליכער ערצעהלונג פון טאַדעאוש מאָסטאָוויטש.
אין דער טיטול-ראָל:
יונאַשא סטעמפּאָווסקי
און אין די הויפּט ראָלען:
באַרזשעשעווסקאַ — זאַכאַרעוויטש — צחיקלינסקאַ—חענגרזין—הנידזינסקי.

KINO „EDEN"
די בעליבטע שירלי טעמפּל
אין אָריגינעלען, אינטערעסאַנטען פילם
Pasażerka na gapę
די אַקציע קומט פאָר אין כינע, שאַנגהיי א.א.

Kino-Teatr „STYLOWY"
Aleja 27.
נאָר אויף איניגע טעג איז געלונגען אַראָבצוברענגען די גרויסע דראַמע פון א צירק-מענש, אין וועלכען ליעבע, פערדרוס און אָפּפערוויליגקייט פון א פרוי פאר'ן אקראָבאַט איז ענטציקונגסווערט. אונגעוועהנליכע אַקראָבאַטישע שטיק ביים אנטייל פון גרעסטען וועלט-צירק אינ'ם פילם
Smiertelny skok
אין דער הויפּט-ראָל דער אונפערגלייכליכער
האַרי פּיל.